

# פאַבלען

פון

ה. הירש.

# אינהאלט פערצייכנים.


פאָרוואָרט.

צו די לעזער.

## ערשטע טהייל.

זייט

די גאס-לאַמטערן און די לבנה. — 13
בעשערט. — 14
די פליג און די מאסקיטע. — 15
די קאטשקע און דאָס פערד. — 16
דער עזעל און דער פוקס. — 17
די צוויי ווייזערס. — 18
דער רייכער שותף. — 19
די שפין און דער פישער. — 20
די קליאַטשע און די קוה. — 21
דער פראָסט און די קונסט. — 22
די עלעקטריק־קראפט און די ביטש — 23
דער געגעץ און דער קרעכץ. — 24
צווישען ציפער. — 25
די מילבען און דער עלעפאנט. — 26
צייהנער — 27
דאָס פערד און דער מאָטאָר. — 28
די צוויי זאנגען. — 29
די לבנה און די זון. — 30
די צוויי נאָדלען. — 31
דער ווערטערבוך און דער פרומער ספר. 32
די פען און דאָס ווערק. — 33
דער עץ החיים און דער עץ הדעת. — 34
די אינזעקטען. — 35
די ווייַנטרויבען. — 36
די ביער און דער שנאפס. — 37
דער אקער אייזען און די שווערד. — 38
דער ציביק און דער סיגאר. — 39
דער טעלעפאָן. — 40
די גערעכטיגקייט און די קראפט. — 41
דער שליסעל און די זון. — 42
די אייביגע שקלאפען. — 43
די שווארצע און די ווייסע האָהר. — 44
די צוויי כשיניקעס. — 45
דאָס וואסער און דער שטיין. — 46
דער הערינג און די ציבעלע. — 47
די שמאַנט און די זויערמילך. — 48
די וואנץ און די מטבע. — 49
די אפע און די ביבליאָטעק. — 50
דאָס געזעץ און די נויט. — 51
דאָס שוועבעלע און דער אייזערנער
צוואָק. — 52
די פאונטען־פען און דער בליישטיפט 53
דער שנעע און דאָס אייז. — 54

זייט

די ציימונג און דאָס בוך. — 55
די קאטשקע און די הוהן. — 56
דער טרעמפ און די קראוואט. — 57
די צוויי פידלען. — 58
די יוגענד און די עלטער. — 59
דער הונגער און דער שכל. — 60
דער שפאציר־שטאָק און דער רעגען־שירם 61
דאָס קוועקזילבער. — 62
די קוילען און די קאנאָנע. — 63
דער וואוכערער. — 64
דער נאכטיגאל און די וואראָנע. — 65-66
פערוועריִמטע פרוכט — 67
די חיות און די בהמות. — 68-69
דער קוואל און די בלאָטע. — 70
די נויט און דער לוקסוס. — 71
די ציבעלע, די קארטאָפעל און די
אפעלסינע. — 72-73
די צוויי שוועבעלאך. — 74
די שעהר און די פען. — 75
די מוראשקע און די ביען. — 76-77
דער שפיגעל און דער שכל. — 78
דער ריכטיגער פראָדוצירער. — 79
דער בעטלער און דער קעניג. — 80
עקשנות. — 81
די נאכט און דער טאָג. — 82
די ליעבע און די חניפה. — 83
דער רייזע-פאס און די דיפלאָמע. — 84
דער מזל און די חכמה. — 85
די בעלי־תשובה. — 86
דער טשייניק און דער טאָפּ. — 87
קאָלומבוס און די איי. — 88
דער משוגענער. — 89
די טענה צו גאָט. — 90
ליכט און שאָטען. — 91
דער כבוד און דער שאָטען. — 92-93
די קיה. — 94
דער קליינער עלוי. — 95
דער גרעסטער היץ־קאָפּ. — 96
די פעדער און דער רויטער בליי־שטיפט 97
די קוה און דער הונד. — 98
די צוויי שפיענען. — 99
דער שפיגעל און דאָס בוך. — 100
דער משל און דער נמשל. — 101
דער אומרות. — 102
די באַרשט און די קאָס. — 103
די טאַרבע און דער געלד־זאַק. — 104
דער אוווען און דער אייז־באָקס. — 105

239593

PS 8515
I57F3

„קענעדער אדלער“ פּאָבלישינג קאָמפּאַניע.
מאָנטרעאַל, קענעדע.

1918

# פאָרוואָרט פון דעם פערפאַסער.

דיעזער בוך פאַבלען איז אייגענטליך א נייע אויסגעבעסערטע אויפלאגע פון מיין ערשטען בוך, וואָס איך האָב ארויסגעגעבען מיט דריי יאָהר צוריק, ער ענטהאלט אבער כמעט נאָך אמאָל אזוי פיעל נייע פאַבלען און קען דעריבער גערעכענט ווערען ניט נאָר אלס נייע אויסגאַבע, נור אָלס צווייטע טהייל.

אין דער פריהעריגער אויסגאַבע, וועלכע איז אגב געווען מיין ערשטער פערזוך אויף דיעזען געביעט פון ליטעראַטור, זענען ארייגעפאלען פאַבלען וואָס איך מוז זיי צורעכענען צו די ניט־געלונגענע; אויסער דעם זיינען אייניגע ארײַן פערגרייזט, איך האָב דעריבער געזוכט צו גוטמאַכען אָלע פעהלערען אין דער יעצטיגער צווייטער אויפלאַגע.

ביי דיעזער געלעגענהייט פיהל איך מיך פערפליכטעט צו אויסדריקען מיין דאַנק צו דער אידישער פרעסע פון אמעריקא, פאַר שענקען מיין ערשטען בוך גענוג אויפמערקזאמקייט, שרייבענדיג וועגען איהם לענגערע רעצענזיעס. איך בעדאַנק די יעניגע וואָס האָבען אין מיין ארבייט אַנגעצייגט חסרונות, פונקט אזוי גוט, ווי די אנדערע וועלכע האָבען אַין איהר געזעהען בלויז מעלות.

ליידער מוז איך זאָגען אז די יעניגע פון זיי, וועלכע האָבען מיין ערשטען פערזוך קריטיקירט, האָבען מיר ניט אנגעצייגט קיין שום פעהלערען פון וועלכע איך זאָל האָבען געקענט עטוואס לערנען אויף ווייטער, וואָס דאָס וואָלט געווען מיין גרעסטער געווינס, די מעהרסטע פעהלערען וועלכע זיי האָבען געהאַט אויסצוזעצען אויף מיינע פאַבלען זענען גראַדע אַזעלכע, וואָס איך וויל ניט און איך טאָהר ניט בעפרייען זיך פון זיי.

אַזוי למשל האָט איינער געפונען פאר נויטיג צו אָנצייגען, אז מיינע פאַבלען זענען צופיעל אָריגינעל, „די פרוכט פון מיין אייגענער פאַנטאַזיע” און דעריבער ניט גענוג פאָלקסטהימליך. א צווייטער האָט געזעהען אַן עולה אין דעם פאַקט, וואָס איך האָב געמאַכט א פאַבעל איבער א הערינג און א ציבעלע.

וואָס אַנבעלאַנגט דער ערשטער טענה, האָט דעם טעות געמאַכט

זייט

דער שטורם און די זון. — — — — — 106
דער וואָגען און דער בייסיקעל. — — — 107
דער מאָפּ און דאָס וואסער. — — 108
דער פאָרהאנג און דער האנד-טוך. — 109
דער גוט־הערציגער. — — — — 110
די צוויי פּאָאר ברילען. — — — 111
דער אלף־בית און דער נאָטען־בלאט. — 112
מבינות. — — — — — — — 113
די חופה און דער גט. — — — 114
די נארישע שעפעלאך. — — — — 115
דער קירזשנער. — — — — — 116
דער ראָב און דער חזיר. — — — 117
די צונג. — — — — — — — 118-119
די פלעדער-מויז. — — — — — 120

צווייטע טהייל.

דער פּויק און דער גראגער. — — 123
די ליכטעל און די הבדלה־ליכט. — — 124
דער סדור און דער מחזור. — — — 125
דער בלוטס־טראָפּען. — — — — 126
די תקיעות און דער שטן. — — — 127
דער הימעל־קראצער און די סוכה. — 128
דער לולב און דער אתרוג. — — — 129
די ברית־חדשה און דער תנ״ך. — — 130
די געלע און די גרינע. — — — 131
די מצה און דער מרור. — — — 132
דער אפיקומן און דער חכם. — — 133
ל״ג בעומר און חצי אליל. — — — 134
דער קאָנווערט און דער בריעף. — — 135
חזיר־האָחר. — — — — — — 136
דער וויין און די חרוסת. — — — 137
מזרח. — — — — — — — — 138
דער סדור און די ספר-תורה. — — 139
די שוועבעלאך און די ליכט. — — 140
דער עלעפאנט. — — — — — — 141
צווישען מלאכים. — — — — — 142
אמת און שקר. — — — — — 143
דער דאָרן. — — — — — — 144-5-6-7
דער גלאָק און דער שופר. — — — 148
דער פורים־קוילעטש און דער המן־טאש. 149
דער שווארצער פראק און דער קיטעל. 150
דער פערלאָבונגס-רינג און די טבעת־קדושין. — — — — — — 151
די אָבגעשמיסענע הושענא. — — — 152
די כפרות. — — — — — — — 153
שבת און זונטאג. — — — — — 154
די בעסטע תפלה. — — — — — 155
די שוואלבען און די גענז. — — — 156
די הגדה און די קניידלאך. — — 157
דער של יד און דער של ראש. — — 158
דער משומד און דער גר־צדק. — — 159
דער צילינדער־הוט און די יארמולקע. 160
די אונערפאהרענע שעפעלאך. — 161-2-3-4

דריטע טהייל.

צווישען היהנער. — — — — — 167
צווישען שלאנגען. — — — — — 168
צווישען פליגען. — — — — — 169
צווישען קעץ. — — — — — — 170
צווישען זשאבעס. — — — — — 171
צווישען העהנער. — — — — — 172
צווישען יאזשיקעס. — — — — 173
צווישען מייז. — — — — — 174
צווישען מאָסקיטעס. — — — — 175
צווישען שמעטערלינגע. — — — 176
צווישען טיגערס. — — — — — 177
צווישען בערען. — — — — — 178
צווישען ענדיקעס. — — — — — 179
צווישען אָקסען. — — — — — 180
צווישען עזלען. — — — — — 181
צווישען שפּינען. — — — — — 182
צווישען שאָף. — — — — — 183
צווישען טויבען. — — — — — 184
צווישען בעק. — — — — — — 185
צווישען ראַקעס. — — — — — — 186
צווישען האָזען. — — — — — 187
צווישען וואנצען. — — — — — 188
צווישען מאַלפּעס. — — — — — 189
צווישען ביענען. — — — — — 190
צווישען פּאָפּוגייעס. — — — — 191

אַ נידעריגען קולטורעלען מצב, נור שפּעטער ווען זיין ליטעראַטור ענט־וויקעלט זיך און הויבּט זיך אויף הויך, פערשווינדעט די פאַבעל־מאַכעריי אין גאַנצען.

די ליטעראַטור־געשיכטע דערצעהלט אונז פּונקט איבּערגעקעהרט די זעלבּע זאַך. ע ז אָ פּ ׳ס פאַבּלען זענען ערשיענען ווען די גריכען האָבּען געהאַלטען אין פערענדיגען זייער קלאַסישע ליטעראַטור: די חכמי התלמוד האָבּען געשאַפען פאַבּלען ווען די אידישע געלעהרזאַמקייט איז געשטאַנען אויף איהר העכסטער שטופּע; לאַפאַנטיין, דער פראַנצויזי־שער פאַבּוליסט, האָט געלעבּט און געשאַפען צוזאַמען מיט די גרעסטע פראַנצויזישע קלאַסיקער: אַזוי האָט אויך דער רוסישער פאַבּוליסט, קרילאָוו, געלעבּט דאַמאָלס ווען די רוסישע קלאַסישע ליטעראַטור איז געשאַפען געוואָרען און אַזוי אויך לעסינג אין דייטשלאַנד.

און אַפילו אין אונזער אידישער ליטעראַטור זענען קיין פאַבּלען נית געשאַפען געוואָרען אין די צייטען פון שרה בּת טובים׳ס עברי־טייטש, נור אין די צייטען פון שלום עליכם, מענדעלי, פּרוג און עהנליכע, ערשט דאַן ווען אידיש האָט בּעקומען אַ לייטישע צורה, האָבּען זיך בּעוויזען די ערשטע אידישע פאַבּוליסטען, טשעמערינסקי און יהואש.

וואָס אַנבּעלאַנגט דעם צווייטען קריטיקערס טענה, אַז אַ פאַבּעל איבּער אַ הערינג און אַ ציבּעלע זענען אַ פערלעצונג געגען דער ליטעראַטור־עסטעטיק, איז עס אויך אַ טעות אין פּשט. די וועלט־בּעריהמטע פאַבּו־ליסטען האָבּען קיינמאָל ניט מקפּיד געווען אויף דעם קאָנקרעטען אינ־האַלט פון זייערע פאַבּלען, אַזוי לאַנג נור ווי דאָס האָט געקענט ארויס־בּרענגען אַ בּולט׳ע מאָראַל. עס איז בּיי זיי כשר געווען צו בּענוצען זיך מיט אַ מויז, אַ זשאַבּע, אַ וואַנץ, אַ מילבּ וכדומה און זיכער זענען די אַלע אויסגערעכענטע שמוציגע בּרואים ניט קיין גרעסערע מיוחסים ווי אַ הערינג און אַ ציבּעלע.

די הויפּט־זאַכען וואָס דאַרפען געפאָדערט ווערען פון אַ פאַבּוליסט, לויט די בּעסטע אייראָפּעאישע ליטעראַטור־קריטיקער בּעהויפּטען, בּע־שטעהען אין פאָלגענדעס:

1) אַז די קאָנקרעטע זייט פון דער פאַבּעל, די געשיכטעלע פון וואָס זי זאָל ניט בּעשטעהן, זאָל זיין אמת־קאָנקרעט און איינזייטיג, אַזוי אַז די ארויסגעצויגענע מאָראַל זאָל זיך אין איהר אפּשפּיגלען ווי אין אַ שפּיגעל, פּינקטליך און שאַרף און ניט איבּערלאָזען קיין שום צווייפעל, קיין שום מעגליכען „טאָמער־פערקעהרט״.

דעריבּער ווערען אין פאַבּלען בּענוצט שטומע בּעשעפענישען און ניט קיין מענשען, ווייל די ערשטע זענען אונקאָמפּראָמיסליך אין זייער כאַראַקטער אדער אייגענשאַפט. ווען מען דערצעהלט אַז דער וואָלף

גראדע דער קריטיקער זעלבסט, ער האָט צוזאַמענגעמישט פאַבלען מיט „פאָלקלאָר", וועלכע האָבען באמת קיין שום געמיינשאַפטליכקייט צווישען זיך, אויסער וואָס זיי ביידע בעלאַנגען צו דער אַלגעמיינער ליטעראַטור.

עס איז אַן אנגענומענער און פעסט־בעשטימטער כלל, אַז צו „פאָלקלאָר" געהערען בלויז די שפּריכווערטער, לעגענדען, העלדענזאגען און באַלאַדען, אבער ניט די פאַבלען. די ערשטע פיער דריקען אויס דעם פּאָעטיש־פאַנטאַזירענדען כח פון פעלקער און פעריאָדען און זיי זיינען דעריבער פאָלקסטהימליך, וועהרענד די פאַבלען דריקען אויס דעם קריטיש־קולטורעלען מצב פון פעלקער, זיי זענען צוועקמעסיג, קאָנסטרואירענד און ארגומענטאַטיוו. זיי זיינען אימער געקומען פון מחבר צום פאָלק און ניט פון׳ם פאָלק זעלבסט און זיי קענען דעריבער ניט זיין פאָלקסטהימליך און נאַאיוו.

פאָלקסטהימליכע שאַפונגען האָבען ניט קיין טאַטען, זיי זיינען געבאָרען געוואָרען צווישען די נאַאיווע פאָלקס־מאַסען, זיי ווערען נאָכהער פערעפענטליכט אין דער ליטעראַטור דורך אַ זאַמלער, וועלכער קען זיי ארומפוצען אויב ער געפינט פאר נויטיג. פאַבלען אבער זענען אימער געווען די אריגינעלע שאַפונג פון בעקאַנטע פערפאַסער אין יעדען דור, און זייער צוועק איז צו בעלעהרען, צו געפינען אנהענגער פאר אַ געוויסער ווארהייט.

דיעזער אונטערשייד צווישען פאָלקלאָר און פאַבלען, ווערט אנגעציינט אין די לעהר־ביכער איבער די פאָרמען פון ליטעראַטור און עס זענען דערין ניטאָ קיין צוויי מיינונגען.

דער בעריהמטער אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיקער, פּראָפעסאָר טשאַרלס וו. עליאָט, ברענגט דיעזע בעהויפּטונג פערביינגעהענדיג אין זיין פּאָררעדע צו „די ברידער גרים׳ס קינדער־געשיכטעלאַך" (זעה הארוואַרד קלאַסיקס, 17טער באַנד, זייטע 2.) דאָס זעלבע קען מען געפינען אין יעדער וויסענשאַפטליכער אבהאַנדלונג וועגען די פערשיעדענע פאָרמען פון ליטעראַטור.

פאַבלען, אויב זיי זענען נור ניט קיין איבערזעצטע, מוזען דעריבער זיין אָריגינעל און וואָס אָריגינעלער אַלץ בעסער. איך קען דעריבער ניט שאַפען קיין פאָלקסטהימליכע פאַבלען, בלויז דערפאַר ווייל מיין קריטיקער האָט צוזאַמענגעמישט „פאָלקלאָר" מיט פאַבלען און פאָדערט אַז איך זאָל אויך בעגעהן דעם טעות.

דער זעלבער קריטיקער, האָט אגב אורחא, דערצעהלט צו די לעזער אַז די פאַבעל אין אלגעמיין, שטעלט מיט זיך פאָר די קינדהייט פון יעדער ליטעראַטור, זי ערשיינט אימער ביי אַ פאָלק ווען עס שטעהט נאָך אויף

אפטהיילונגען: 1) אלגעמיינע פאבלען, 2) ספעציעל־אידישע פאבלען, (געבויעט אויף ריין־אידישע טהעמען און אויף דעם ווארט־שפיעל פון דער אידישער שפראך,) און 3) פאבלען אויף דער לינקער זייט.

די לעצטע אפטהיילונג איז מעהר שטיפעריי ווי אמת׳ע פאבלען, אבער עס איז דורכאויס א נייע אריגינעלע פארמע, וועלכע איז נאך ביז יעצט אין קיין שום שפראך ניט בענוצט געווארען און ווי איך גלויב איז זי עקזיסטענץ־בערעכטיגט בלויז צוליעב איהר נייאיגקייט.

האבענדיג אין זינען דעם פאקט, אז די אידישע ליטעראטור האט יעצט ערררייכט א גאנץ פיינע שטופע אין איהר ענטוויקלונג און אז דאס איינציגע וואס זי פערמאגט כמעט אין גאנצען ניט, זענען טאקע אריגינעלע פאבלען האף איך אז די אידיש־ליעבהאבער פון איבעראל וועלען מיין יעצטיגען קליינעם בייטראג עמפפאנגען מיט צופריעדענהייט און אויף דיעזען אופן ערמוטיגען מיך צו ארויסגעבען מיינע איבעריגע פאבלען.

דאביי דריק איך אויס מיין אינניגסטען דאנק צום הערויסגעבער מר. ה. וואלאפסקי, גרינדער און אייגענטהימער פון דעם „קענעדער אדלער״, פאר זיין ערמעגליכען די ערשיינונג פון דיעזען באנד, איבערהויפט ווייל ער האט זיך ניט אבגעשטעלט פון צו אונטערנעהמען עס אין דער יעצטיגער קריעגס־צייט ווען עס איז פון דעם פינאנציעלען שטאנדפונקט שטארק ניט גינסטיג פאר דעם אידישען ביכער־מארק, צוליעב די פערגרעסערטע קאסטען אויף דרוקעריי און פערקלענערטע צאהל לעזער.

זיין הויפט־כונה, איז געווען פונקט ווי מיינע, צו לייסטען עטוואס פאר דער אידישער ליטעראטור, אונגעאכטעט אויב עס וועט זיך בעצאהלען אדער ניט און ווי קליין אדער גרויס עס זאל ניט זיין דער מאראלער פערדיענסט פון דיעזער אויסגאבע, קומט איהם עהרליך און כשר א ריכטיגע העלפט דערפון.

האט בעגעגענט א לעמעלע און עס פערציקט. טראצדעם וואס דאס לעמעלע האט געבעטען רחמנות, איז דאס קאנקרעט, אהן א צווייפעל, דער וואלף האנדעלט אימער אזוי. ווען מיר זאלען אבער דאס זעלבע דערצעהלען וועגען א וואלד־גזלן און א שוואכען רייזענדען, איז שוין דאס ניט זיכער, ווייל אמאל קען מען זיך ביי דעם ערגסטען גזלן אויס־בעטען רחמנות און אמאל קען דער שוואכסטער מענש טויטען דעם שטארקסטען דורך א קלוגען איינפאל אדער געלונגענעם צופאל.

2) די פאבעל מוז אונז בעלייכטען א געוויסען מענשליכען שטריך, א געוויסע ווארהייט, אבער ניט קיין אבסורד. צו בעווייזען מיט א קלאה־רען ביישפיעל, אז מענשען דארפען געהן מיט'ן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף, מעג די פאבעל זיין ווי שעהן און גוט, טויג זי ניט, סיידען זי זאל פארשטעלען מיט זיך א וויץ. אבער דאן איז עס טאקע א וויץ און ניט קיין פאבעל.

3) א נייע פאבעל דארף בעהאנדלען אימער א נייעם שטריך, א נייעם אמת וואס איז נאך ניט בעהאנדעלט געווארען אין דער פריהעריגער פאבעל־ליטעראטור. אדער ווען יא, דארף זיך די נייע פאבעל אויס־צייכנען מיט דער מאדערנקייט פון דעם נייעם ביישפיעל. עס זאל קענען הייסען אן אלטע ווארהייט אין א מאדערנער נייער קלייד. אין דער פאבעל אויף זייטע 56, „די קאטשקע און די הוהן", וועט דער לעזער געפינען א מוסטער פון דעם ערשטען סארט פאבלען און אויף זייטע 62, אין דער פאבעל „דאס קוועקזילבער" וועט ער קענען זעהן דעם צוויי־טען סארט פאבלען.

4) און דאס לעצטע און זעלבסט־פערשטענדליכע, אז דער מאדער־נער פאבוליסט זאל זיך בענוצען מיט א ריינער און ריכטיגער שפראך און ווען זיינע פאבלען זענען געשריבען אין געגראמטע שורות, זאל אלעס קומען לויט די טעכנישע כללים פון ריהטם ווי עס פאדערט זיך אין דער אלגעמיינער פאעזי.

דיעזע אלע וויכטיגע פונקטען, זענען ליידער פון מיינע קריטיקער ניט אנגעריהרט געווארען און ניט זייערע לעזער, ניט איך אליין האבען עטוואס געקענט לערנען פון די סתם־דבורים און פערגרייזטע סברות. פון מיר פערזענליך קומט זיי אבער א דאנק פאר שכר־הליכה, פאר זייער וועלען געהן צו טהון די רעצענזיע ארבייט אבוואהל זיי האבען דעם געווינשטען רעזולטאט, די אמת'ע קריטיק, ניט געבראכט. מיין ווייטערע ארבייט האב איך געמוזט טהון פערלאזענדיג זיך אויף מיינע אייגענע קרעפטען, זוכענדיג און טאפענדיג מיין וועג אין דער אלגעמיינער ליטעראטור־וויסענשאפט בנוגע פאבלען.

אין דער געגענווערטיגער אויסגאבע וועט דער לעזער געפינען דריי

# ערשטע טהייל.

## צו די לעזער.

פּרובּירענדיג די שטאָף פון׳ם בּינשטאָק אויף׳ן טעם, דורך לעקען,
(וואקס און האָניג אויסגעמישט צוזאמען)
פלעגט דער אור־מענש דאָס ארויסשפּייען, פערדאמען,
דער מאכל פלעגט איהם וועניג וואָס גאר שמעקען;
ער פלעגט די בּיענען שאַרף און בּיטער קריטיקירען,
הלמאי זיי וואַגען גאַר אזאַ מין שטאָף צו פּראָדוצירען.

מיט יאָהרען שפּעטער האָט דער מענש ענטדעקט,
אז דער האָניג, ווען מען טהיילט איהם אָפּ בּעזונדער,
האָט א גוטען טעם גאר וואונדער איבּער וואונדער,
און אָנגעפאנגען האָט מען אויף די בּיענען קוקען מיט רעספּעקט.
צוליעב דעם האָניג האָט מען זיי פערגעבּען און פערגעסען
דעם חטא, וואָס מעהר ווי העלפט — די וואקס — איז ניט צום עסען.

אויבּ איהר קענט נור עטוואס גוטעס אין א בּוך געפינען,
דאן פערגעסט ניט, פריינדע, די געשיכטע מיט די בּיענען . . .

# די גאַס־לאַמטערן און די לבנה.

א גאס־לאמטערן, האָט פילאָזאָפירט מיט זיך אליין:
„היות ווי די לבנה, שיינט פון מיר ניט בעסער,
איז א סימן, אז זי איז מסתמא אויך ניט גרעסער;
ז'איז, גראַדע ווי מען זעהט זי — זעהר קליין,
ווען איך, לאמטערן, וואָלט זיך דאָרטען אין דער הויך געשטעלט,
וואָלט איך דאַן אויך געקענט בעשיינען גאַר די וועלט!"

דער לבנה־פנים האָט געשמייכעלט: „אָה, לאמטערן!
איך בין גרויס ווי גאַר די וועלט, און דו ביזט נור א פונק;
צוגעפעסטיגט צו א סלופּ, פערמאָגסטו ניט קיין שוואונק,
דו קענסט זיך קיינמאָל גאַר ניט אויפהויבען צו מיינע הויכע ספערען,
און ווען אפילו יאָ, ווען דאָס זאָל שוין געשעהען,
ביזטו דאָך קליין און מ'וואָלט דיך אונטען גאַר אין
גאנצען ניט געזעהען."

וואָס העכער איינער שטעהט, וואָס העכער ער מוז שוועבען,
אלץ גרעסער מוז ער זיין, מען זאָל איהם מערקען דאָ אין לעבען.

# די פליג און די מאָסקיטע.

א גרויסע פליג האָט זיך אמאָל אלס פויגעל פּראקלאמירט.
איהר ארגומענט האָט זי געשטיצט דערמיט,
וואָס זי, די פליג, ווי יעדער אנדער פויגעל פליהט.
די פוסטע יחסנ'טע האָט שטארק דאבּיי שטאָלצירט.
,,מיין פליהען, פלעגט זי ריהמען זיך, איז ניט קיין פּראָסטע מלאכה.
,,רעספּעקט! איך בּין דעם אדלער'ס לייבּליכע משפּחה!''

א קליין מאָסקיטע האָט דער פליג געענטפערט מיט א בּיס:
,,ניט דאָ געדאכט! ווי קומסטו צו דעם אדלער, קליינינקער אינזעקט?
דיין יחוס־צעטעל ציהט זיך פון דער קופּע מיסט דירעקט.
בּיזט פול מיט שמוץ, פערפעסטעט פון דיין קעפּעל בּיז די פיס:
דער קלענסטער פויגעל, ווי עס איז אונז אלעמען בּעקענט,
איז ריין, פליהט זעהר הויך און קריכט ניט אויף די גלייכע ווענט...''

מאנכע ,,גדולים'', וועלכע האַלטען זיך פאר הויך געשטיגען,
האָבּען נאָר דעם יחוס־צעטעל פון די פליגען...

# בּעשערט.

אַ בּיען אריינגעקוקט האָט אין אַ גרין־הויז, דורך׳ן גלאָז
און דאָרט בּעמערקט אַ פרישע בּלום פון גארטען,
אַ זיסינקע, פון יענע וואונדערבּארע סאָרטען,
וואָס שמעקען אזוי אנגענעהם דער בּיען אין נאָז.
ווע׳לענדיג אַ זויג טהון פון דער בּלום אביסעל זאפט,
זיך אַ יאָג געטהאָן אהינצו האָט זי מיט איהר גאנצער קראפט.

די שויבּען אָבּער, האָבּען אָבּגעהאַלטען איהר געיעג.
זיי האָבּען זיך ארויסגעצייגט, אַלס הארטע ווענט;
זיי דורכצוּבּרעכען, האָט די שוואכע בּיען, נאַטירליך, ניט געקענט
און ניט פערשטאַנען האָט זי, וואָס עס שטעהט איהר דאָ אין וועג.
דיעזען וואונדער האָט די בּיען נאַכהער ערקלעהרט,
אַז די בּלום איז איהר מסתּמא ניט געווען בּעשערט.

פיעלע מענשען וויסען ניט וואָס שטערט זיי דאָ אין לעבּען,
און אויף יעדען דורכפאַל מוזען זיי דעם בּיענען־תּירוץ געבּען.

## דער עזעל און דער פוקס.

דער עזעל האט זיך אויסגע'טענה'עט מיט'ן פוקס:
„מען זאגט, אז איך בין נאריש — דו ביזט קלוג,
נור עהרליך ריידענדיג, איז „זאגעכץ" דען גענוג?
וואו ליגט דיין שכל? אין דיין אויסקוק, אדער אין דיין קליינעם וואוקס?
דעם חכמה־סמן האט נאך קיינער וויסענשאפטליך ניט ערקלעהרט,
גלאט זאגען, קען מען דאך די זעלבע מעשה פונקט פערקעהרט!"

דער פוקס געענטפערט האט איהם מיט א שמייכעל:
„דערפאר ווייל דו בעדארפסט אן עקסטרא־סמן אויף פערשטאנד,
מען זאל דיר אנצייגען אויף חכמה מיט'ן האנד.
אט גראדע דיעזער פאקט בעווייזט, אז ס'פעהלט דיר שכל.
די פוקסען, זעהסטו, ווייסען גאר אהן שום סמנים,
אז דו בעלאנגסט צו'ם קלאס פערפאלענע נאראנים."

דער נאר בלייבט נאר אין אלע צייטען — אלע מדינות,
דערפאר וואס ער אליין אויף חכמה האט קיין מבינות . . .

## די קאַטשקע און דאָס פערד.

די קאטשקע האָט אמאָל געזאָגט צו'ם פערד:
„ס'איז ווירקליך העכסט אינטערעסאנט
צו האָבען, פונקט ווי איך, א דרייפאַכען טאַלאַנט,
ד'קען שווימען, פליהען און ארומגעהן אויף דער ערד,
ד'לעבען, פריינד! דו מוזט דאָך צוגעבען דעם אמת,
אַז אַ קאַטשקע איז א זעלטענע מושלמת.״

„א קאַליקע ש'בקאַליקעס!״ געענטפערט האָט דאָס פערד, ברוגז,
„איך וויים, אַז פליהען קענסטו נור א ביסעל:
אין שווימען, לאַכט דיך אויס, די קלענסטע פישעל,
דיין גאַנג איז בלויז, געקייקעלט זיך, אויף צרות טויג עס,
זעהסטו איך, האָב איין מלאכה בלויז — ד'קען לויפען,
ד'טהו עס אָבער אויף א פלינקען, שעהנעם אופן.״

פון פיעל טאַלאנטען, פיעלע מלאכות,
איז אימער וועניג מזל ברכות.

## דער רייכער שותּף.

די מיליאָנען קליינע שטערען און קאָמעטען,
וועלענדיג דעם חושך פון דער וועלט בעזיעגען,
ערגעץ וואו א שותּף, האָבען זיי געזוכט צו קריגען,
און זיי זיינען צו דער זון אוועק זיך בעטען:
„קום מיט אונז!” האָב'ן זיי גענומען טענה'ען,
„מיר, מיט דיר צוזאמען, וועל'ן מיר בעסער קענען שיינען.”

און די זון האָט איינגעשטימט איהר ליכט צו באָרגען,
אויף א צעהן -עלף-שטונדען אין מעת לעת,
און געדאנקט, די שטערען האָבען גאָט פאר דיעזען נס.
זייער שמחה אָבער, האָט געדויערט ביז אויף מאָרגען,
ווייל דער רייכער שותּף האָט אזוי גענומען גלאַנצען,
אז די שטערען האָט מען שוין ניט אנגעזעהען גאָר אין גאנצען.

דער גרויסער אויפטהוער וואס העלפט ארוים די קליינע,
שיינט מעהר פון אלעמען, פערדונקעלט זיי ביז איינע.

# די צוויי ווייזערס.

דער מינוטניק האָט דעם שטונדען־ווייזער קריטיקירט:
הלמאי ער נעהמט זיך צופיעל צייט,
זעקס שטונדען ליגט ער אָפּ אויף יעדען זייט.
„זעהט, ביי מיר, האָט ער בעריהמט זיך, געהט עס ווי געשמירט,
איך פויל מיך נים, איך פליה, איך יאָג,
איך לויף ארום דעם ציפערבלאט א דוצענד מאָל א טאָג".

אונזער שטונדען־ווייזער האָט אויף דעם גענומען צייט
און אויף זיין זייגער־שפּראך געענטפערט דורך'ן קלאַפּען:
„דיין שנעלקייט ברענגט דיר גאר א גליק א קנאַפּען,
אימער לויפסטו און דו דענקסט, וועסט קענען אנשפּארען גאנץ־ווייט
צו'ם סוף, ביי'ם ענדע פון די פיער און צוואנציג שטונדען,
מיר ביידע האָבען דאָך די זעלבע צאָהל סעקונדען."

וואס טויג דאָס לויפען, יאָגען, האווען, ווערען רייך?
ביים זונען־אונטערגאנג מיר אלע האָב'ן דאָך פּונקט דאס זעלבע, גלייך!...

# די קליאַטשע און די קוה.

די קוה געקראַגען האָט געזידעלט פון דער קליאַטשע :
„פוסט־און־פּאסטניצע, אומזיסטע פרעסערין :
לעבּכט אין שטאַהל דאָ, פון אונז אלעמען א טאָג אַ בעסערען ;
דו ארבּייטסט ניט און שטעהסט זיך ווי א גרעפין אויף א דאטשע.
דיינעט־וועגען מוז איך נעבּאך שלעפּען וואסער, פיהרען היי,
און שוין יאָהרען ווי דו לעבּסט זיך אויף מיין רעכנונג אָט אזוי !"

אויף דעם געענטפערט האָט די קוה, אין מיטען קייען :
„נוצען ברענגען, מיינט ניט דוקא טהון עבודת פּרך,
יעדער איינער מאַכט זיך ניצליך אויף זיין אייג'נעם דרך ;
א פערד דאַרף טאַקע ארבּייטען פאר דרייען,
ווייל ער האָט קיין אנדער אויפגאבּע אין לעבּען,
איך, די קוה, קען אבּער מילך און פּוטער געבּען."

קענסט דו, בּרודערקע, קיין וויכטיגעם ניט פּראָדוצירען,
מוזט דו שלעפּען, האקען האָלץ און וואסער פיהרען.

## די שפּין און דער פישער.

די שפּין האָט זיך געערגערט, למאַי מען האָט זי פיינד.
„סטייטש! איך בין דאָך ניט די איינציגע וואָס לעבט פון פאַנג,
און פון דעסטוועגען „די שפּין די ערגסטע איז", געהט אום דער קלאַנג
אין גאָר דער וועלט פערמאָג איך ניט קיין גוטען פריינד:
וויל נור איינער אויסדריקען א שנאה פון דעם ערגסטען מין,
זאָגט ער אימער: — אָה, איך האַס עס, ווי איך האַס א שפּין! —"

„נו יאָ, דו ביזט אן אמת'ע מרשעת!" האָט דער פישער איהר ערקלעהרט.
„איך, למשל, ווען איך כאַפּ אין נעץ א פיש,
ברויך איך זי אין גאַנצען, איך פערצעהר זי ביי מיין טיש,
ביי דיר, דאַגעגען, האָט א קרבן גאָר קיין ברעקעל ווערטה,
בלויז צוליעב א טראָפּען בלוט, דער'הרג'עסטו די פליגען,
מ'זעהט זיי שפּעטער גאַנצערהייד ביי דיר אין שפּין־וועב ליגען."

מאַנכע לייטע זענען גראַדע ווי די בייזע שפּינען,
עס איז רעכט ביי זיי א מענשען טוידטען, אום א גראָשען צו פערדיענען.

# די עלעקטריק־קראפט און די בייטש.

די עלעקטריק האט געלאכט פון בייטשען און קאניובעס :

,,אייער מלוכה איז שוין נעבאך אויסגעשפיעלט, פערשוואונדען,
יעצט איז שוין אוים מאדע שמייסען, מאכען יענעם וואונדען,
גרויסע וועגען פליהען אום אין אלע גאסען, ווי די רוחות
און מען דארף זיי גאר ניט אונטערטרייבען מיט קיין שמיץ,
ווייל זיי לויפען דורך עלעקטריק־קראפט און היץ.״

אויף דערויף די בייטש האט איהר ערווידערט מיט א קנאק :

,,אזוי לאנג זאל מען דיך שמייסען, וויפיעל יאהרען ד׳וועל נאך לעבען
וויפיעל שמיץ איך וועל נאך געבען,
וויפיעל פערד עס וועל׳ן נאך כאפען דא פון מיר דעם פסק,
סוסים זיינען דא געננג און אויב ניט די וואס שלעפען משא,
זענען זיי פון גאר אן אנדער קלאסע . . .״

די בייטש וועט לאנג נאך מוזען עקזיסטירען אויף דער ערד,
ווייל אויך די וויסענשאפט קען גארניט העלפען מאנכע פערד . . .

## דער פראָסט און די קונסט.

דער פראָסט האָט איינמאָל זיך בעקלאָגט,
אז אָבוואָהל ער מאָהלט אזעלכע שעהנע בוימער אויף די פענסטער,
ווערט ער ניט בעטראַכט אַלס קינסטלער, ניט אפילו אלס
דער קלענסטער.
„די וועלט, האָט ער געפלאָמט, קיין שום גערעכטיגקייט פערמאָגט.
ס'איז איינפאַך אַ סקאַנדאַל, די קונסט פון פראָסט און קעלט,
זאָל בלייבען אונבעמערקט אזוי, אין גאר דער וועלט!"

די קונסט האָט איהם ערווידערט: „פעטער! מאַך נור ניט אזא געפילדער,
ביזט קיין קינסטלער, גאר דיין ארבייט טראָגט קיין פרוכט . . .
דו ווילסט אויספיינען פאר אונז א זאך, וואס איז געהאַזט, פערפלוכט
דו שטעלסט אונז פאָר די בייזע קעלט אין שעהנע בילדער:
דיין קונסט איז ניט ערהאבען, ווייל ז'איז פאַלש געריכטעט,
ד'רום ווערט זי מאַקע פון דעם ערשטען זונען־שטראהל פערניכטעט."

דאָס שענדליכע, ווען פארגעשטעלט אין קונסט, דאָס דעקאַדענץ,
פערדיענט קיין רוהם, עס האָט קיין רעכט אויף עקזיסטענץ.

## צווישען ציפער.

דער ציפער ,,ניין", האט זיך אלס ציפער־קעניג'ל ערקלעהרט,
,,איך", האט ער, מיט גדלות, זיך בעריהמט,
,,בין אלס גרעסטער פון די ציפער, דא בעשטימט!
ווייל צווישען אלע זיי, האב איך דעם גרעסטען ווערטה:
נול און איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף און זעקס און זיבען,
און דער אכט, אפילו, זענען אלע הינטער מיר געבליבען!"

די גרויס־בעריהמעריי האט צוגעהערט א צווייטע ציפער
און זי האט זיך גוטמוטהיג צולאכט,
,,אט הפנים אז דו האלסט זיך ווירקליך פאר א מאכט!
ס'איז קאמיש אבער ווען מען קוקט אריין אין דעם אביסעל טיעפער.
שטעהענדיג אליין, ביזטו א גאנצער מיוחס, א בן יקיר,
בלויז צוויי איינס'ען אבער, מאכען דיך אויס קנאקער."

ווען די קליינע ווערען איניג און זיי נעהמען זיך גרופירען,
קען דער יחיד, מעג ער זיין דער מעכטיגסטער, מיט זיי ניט קאנקורירען.

# דער גענעז און דער קרעבץ.

„אר־אה!" האט זיך דער גענעז לאנגזאם־פויל געצויגען.
„קיינעם האס איך ניט אזוי ווי ד'האס דעם קרעבץ,
ער פערפעסטעט נור די לופט דא לינקס און רעכטס,
ער קלאגט און וויינט: ניטא קיין זאך וואס זאל איהם טויגען:
איך האב נאך ניט געזעהען אין מיין לעבען,
א קרעבץ זאל ווען ניט איז א שמייכעל געבען."

דער קרעבץ האט איהם ערווידערט מיט אן „אוי!" א טיעפען:
„ד'קען ניט זיצען אזוי גלייכגילטיג ווי דו,
ווייל די צרות לאזען מיך דא ניט צו רוה,
איך זוך מיר נייע עצות, נייע וועגען און בעגריפען,
ביי דיר איז אבער אלעס גוט, פון גארנישט פיהלסטו זיך געטראפען,
דו ווייסט נור רייסען זיך דאס מויל און טראכטען וועגען שלאפען."

די פוילקייט, גלייכגילטיגקייט, וויל ניט זוכען, ספעקולירען,
ס'איז בלויז די אונצופריעדענהייט וואס צווינגט אונז פראגרעסירען.

# ציינער.

„איך בעזיץ די שעהנסטע, בעסטע צייהנער אויף דער וועלט."
האט אן אלטע שטארקע קאם, אמאל געזאגט,
„קיין בעשעפעניש אזעלכע גלייכע און גערדיכטע צייהנדעלאך
פערמאגט.
ד'וויים ניט פון קיין צייהן־וועהטאג, סיי היץ, סיי קעלט,
איך בין טויזענד מאל שוין אין געדיכטע קעפ געקראכען,
און ביז יעצט נאך קיינמאל זיך קיין צייהנדעל ניט צובראכען!"

א באק־צאהן האט דאס צוגעהערט און ציניש זיך צולאכט.
„אט דער טפש האט קיין צייהן־וועהטאג, דעריבער קוועלט ער,
בעריהמט זיך, אז ער האט נאך אלע צייהנער אויף דער עלטער,
אבער ער דערצעהלט אונז ניט ווי זיינע צייהנער זענען איהם געמאכט.
געוויס! ווי קענען זיי איהם וועה טהון, דיעזע פראסטע ביינדלאך?
זיי האבען דאך קיין נערווען ניט, די קעמעל־צייהנדלאך!"

מאנכע לעבען זיך א רוהיג לעבען און א שטילען,
ווייל זיי האבען ניט קיין נערווען, קענען גארנישט פיהלען . . .

# די מילבען און דער עלעפאנט.

די מילבען האבען איינמאל דיסקוטירט
די פראגע ווער עס האט די זכיה,
צו זיין דא אויף דער וועלט, די גרעסטע בריאה?
א טהייל, די פליג, אלס ריעזען חיה האבען פראקלאמירט,
די איבעריגע האבען איבערצייגט מיט טויזענד ראיות,
אז ביענען זיינען גאר די גרעסטע צווישען אלע חיות.

די פלוגתא, האט דאן אימעצער צום עלעפאנט דערטראגען,
,,וואס הייסט? א פליג זאל גילטען אלס א ריעז!
דער עלפאנט דארף די פרעכע מילבען, צייגען ווער ער איז."
דער לעצטער, אבער, האט דאס פאלגענדע געהאט צו זאגען:
,,א בריאה, וועלכע האט התפעלות פאר דער גרויסקייט פון א פליג.
צו קליין איז, איך זאל זי בעמערקען, פיהרען מיט איהר קריעג."

יעדען איינעמס גרויסקייט, קען מען אבשאצען און מעסטען,
לויט דעם גדול וועמען ער פערגעטערט, אלס דעם גרעסטען.

## די צווייַ זאַנגען.

א מאַגערער און קליינער זאנג, מיט ווייניג קערנער,
געפרעגט האַט ביי א פעטען זאנג, א שווערען:
„ווי קומט צו דיר א בייכעלע און קערענדלעד ווי בערען?
צי האַט דיך אונזער מוטער־ערד אביסעל גערנער,
צי אפשר איז דאַס, ווי איך האָב שוין לאנג בידיעה,
אז דו שטאַמסט אַפּ פון גאַר דער בעסטער זריעה?"

„ד'בעלאנג צו ווינטער־ווייץ!" געענטפערט האַט דער פעטער זאנג,
„די זעלבע זריעה, און איך פויל אין דר'ערד, אזוי ווי דו,
נור ד'בין מיט זעקס מאָנאַטען מעהר, געלעגען אין מיין רוה:
איך אייל מיך ניט און האָב געדולד, גאַניץ לאנגזאם איז מיין גאנג,
דעריבער זענען מיינע קערנער גרויסע, פעט און שעהן,
דו, זומער־ווייץ, האַסט זיך געאיילט, דעריבער ביזטו דאַר און קליין."

טהוט איהר וואס, געדולדיג זייט און לאנגזאם טהוט עס,
ווייל פון כאַפּעניש קומט קיינמאָל ניט ארויס קיין גוטעס.

# דאָס פערד און דער מאַטאָר.

ס'איז דאָס פערד געקומען צו דעם מאָטאָר מיט א שאלה:
„מען זאָגט דו שלעפּסט מיט פערדע־קראַפט, נו פרעג
איך דיך דערפאַר,
זאָל זיין א פערד איז ווירקליך, ווי מען דענקט, א גרויסער נאַר,
ד אָ ך בעזיץ איך עטוואס שכל, אָבער דו, אָהן דיעזער מעלה,
דאָס הייסט, אין גאַנצען אָהן א זינען צו פערמאָגען,
ווי ווייסטו און ווי קענסטו פיהרען, פונקט ווי איך, דעם וואָגען?"

און געענטפערט האָט דער מאָטאָר איהם כהלכה:
דעם וואָגען פיהרט דער מענש, ניט איך, ניט דו
מיר ביידע שלעפען בלויז, נור איך פערשטעה עס און גיב צו,
וועהרענד דו בעטראַכסט זיך זעלבסט־שטענדיג אין דיין מלאכה,
דעריבער, פריינד, איז גראַדע ווען דו פאַהרסט לויט אייג'נעם שכל,
בעקומסטו פייערדיגע שמיץ אין'ם „זייט זשע מוחל . . ." —

דאָס פערדע־קראַפט קען שלעפען, אבער קיינמאָל פיהרען,
דאָס שטאַרקע מוז פון'ם שכל לאָזען זיך רעגיערען.

## די צוויי נאָדלען.

די אַלט־בעקאַנטע נאָדעל פון פאַרצייטען,
גענזאָגט האָט צו דער נייער נאָדעל פון מאַשין:
„איך ווייס, דו ביזט די איינציגע פון אונזער מין,
וואָס האָט אויף זיך אַ קאָפּ, אַזאַ פערשייטען;
דו קענסט נעהען בעסער פון אונז אַלעמען און שנעלער
אַך! ווארום קען איך ניט טהון דאָס זעלבע? צייג מיר אָן
מיין פעהלער!"

דער ענטפער איז געקומען אָבגעשטעפּט אין גראַמען:
„דער סוד פון אָט דער גרויסער קראַפט וואָס איך בעזיץ,
איז ווייל איך האָב אין אויערל. אין'ם נאָדעל־קאָפּ דעם שפּיץ:
מיין קעפּעל און מיין שאַרפקייט האַלטען זיך צוזאַמען,
דו מיין פריינדין, קענסט ניט אַזוי שעהן און האַסטיג נעהען,
ווייל דיין קעפּעל און דיין שאַרפקייט אָבגעזונדערט שטעהען."

די שאַרפע שפּיציגקייט אין קעפּעל, פּונקט ווי ביי דער נאָדעל,
איז אויך דער טיעפער סוד פון יעדען גדול...

## די לבנה און די זון.

די לבנה האט בעקלאגט זיך פאר די שטערן,
אז זי ווערט זעהר שלעכט בעהאנדעלט,
מען האט זי אין א פינסטערער פלאנעט פערוואנדעלט:
די זון, ווייזט אויס, האט דער בעשעפער פיעל מעהר גערן,
איהר האט ער געגעבען היץ און ליכט א גאנצע מאסע,
ווערענד זי, די לבנה, איז א קאלטע און א בלאסע.

דער מארגען שטערן האט בעלייכטענד איהר בעמערקט: „שווייג שטיל!
איך דענק, אז דו אליין ביזט שולדיג אין דיין שלעכטער לאגע,
דו פיהרסט זיך אויף ניט לייטיש, נור ווי א בראדיאגע,
אט שיינסטו יא, אט שיינסטו ניט, ביי דיר איז עס א שפיעל,
אונזער זון איז יעדען טאג אם פלאץ און טהוט איהר פליכט,
אט דעריבער האט זי זיך ארויפגעארבייט אויף אזוי
פיעל היץ און ליכט.”

פון אפטען ענדערען זיך, ווערען ניי געבארען,
איז קיינער אין דער וועלט ניט אויפגעריכט געווארען...

## די פען און דאָס ווערק.

די פען פון א בעריהמטען שרייבער האָט ערקלעהרט,
אז אַלע גרויסאַרטיגע ווערק וואָס איהר געביטער שאפט,
ערשיינען בלויז ווייל זי, די פען, לעגט צו איהר כּיח און קראפט:
דער גרעסטער קינסטלער, אָהן א פען איז גאָרנישט ווערטה!
„מיר ביידע, האָט זי פאָרטגעזעצט איהר גרוים בעריהמעריי,
פערפאסען אַלע ביכער, האַלטען אויף די קונסט פון שרייבעריי!"

„די פען, גאַנץ ריכטיג, דרש'ענט דאָ דעם פשט!"
אריינגעמישט זיך האָט דאָס ווערק.
„זי ארבייט גלייך מיט'ן פערפאסער, ווי איך מערק,
פון דעסטוועגען איז דאָ א חילוק צווישען פען און קינסטלער־ליטעראַט:
א פען בעקומט מען איבעראַל, א סענט — א פּאָאַר,
נור קינסטלער — איינעם אין א שטאָדט, אין הונדערט יאָהר!"

מען קען זיין טהעטיג, ארבייטען גאַנץ טיכטיג,
און דאָך ניט זיין באמת וויכטיג...

## דער ווערטערבוך און דער פרומער ספר.

דער ווערטערבוך האט זיך אין ביכער־שראנק אנומעלט פראקלאמירט,
אלס למדן, יחסן, שפראכען־קענער, פילאלאג,
און אויסגעשריהען: „האט רעספעקט פאר מיר, ווייל איך פערמאג
מעהר קענטעניס פאר אירגענד וועלכען בוך וואס עקזיסטירט:
אט וואס נור פאר א ווארט עס זאל אייך ניט אריין אין זינען,
ט'איהר אימער צווישען מיינע טאוולען איהם געפינען,
און ד'גיב אייך מיט א קורצקייט, מיט אן אונערהערטער
די בעדייטונג פון די שווערסטע און מאדערנסטע ווערטער."

„אודאי!" האט ערווידערט איהם א פרומער, קליינטשיק ספר,
„דו שיסט מיט אלערליי מין ווערטער און א סך,
דו האסט דאך אבער ניט קיין איינציג שטיקעל גאנצע זאך,
(אז אקס האט אויך א לאנגע צונג און בלאזט קיין שופר! ...)
האסט ווערטער סתם, צושטעלט לויט א געוויסען כלל,
נור אהן א ברעקעלע צוזאמענהאנג, אהן קיין מאראל,
און ריהמען זיך אקעגען אנדערע בעדארפסטו גאר א האהר־ניט,
ווייל דו אליין אהן אונז, ביזט נעבאך גאר ניט שב'גארניט!
אלס צוגאב צו די אלע ספרים, ביזטו טאקי נויטיג,
נור דיך אהן זיי, בעדארף מען דא ווי אויגען־וועהטיג."

וויסענשאפט און קענטעניס, זיי מעגען זיך ווי גלאנצען,
דארפען זיך ניט ריהמען שטארק מיט זייער „איך",
ווייל אהן אמת'ער מאראל — אליין פאר זיך —
זענען זיי פון קנאפען יחוס' גאר אין גאנצען,
מיט א ווערטערבוך אליין קען קיינער זיך ניט בילדען,
און מיט וויסענשאפט בלויז, מאכט מען ניט דעם מענשען
פאר אוים ווילדען! . . .

# די אינזעקטען.

בעשאפענדיג אינזעקטען, האט זיי גאט געהייסען געהן
און אויסקלייבען אן ארבייט; זיך געפינען וואס צו טהאן.
זאפארט האט יעדער איינער אויסגעזוכט פאר זיך א פראפעסיאן,
פון וועלכער ער זאל ציהען נוצען, נור פאר זיך אליין,
בלויז די בייסענדע און בייזע ביענען,
האבען אויסגעדריקט א וואונש, דער וועלט מיט עטוואס דיענען.

פון הימעל איז א דונערענדע שטימע דאן געקומען:
„די יעניגע אינזעקטען וועלכע זוכען אייג'נע נוץ,
זאל'ן אימער וואלגערען זיך אויף'ן מיסט און עסען שמוץ,
די ביענען אבער, לעבען זאלען אויף דער זאפט פון בלומען
און ערפילען זאלען זיי די גרויסארטיגע פליכט,
צו בעזארגען גאר די וועלט מיט זיסקייט און מיט ליכט!"

צווישען מענשען, קענט איהר פונקט דאס זעלבע יעצט געפינען,
אי פערשאלטענע אינזעקטען, איז געבענשטע ביענען...

# דער עץ החיים און דער עץ הדעת.

דער עץ החיים האָט געזאָגט צו'ם עץ הדעת:
„דו ביזט עס דער גרויזאַמער פערברעכער.
האָסט אויף אדם'ס קינדער אַנגעבייצט די געטער:
צוליעב דיין פרוכט, געוואָרען איז דער גאַנצער כעס!
דו האָסט געזוכט דעם מענשענ'ס גליק צו שטערען, צו פערדאַרבען.
ווען ניט דער עץ הדעת וואָלט ער קיינמאָל דאָך ניט שטאַרבען".

„ס'איז ליידער, אמת, ד'גיב עס צו."
האָט דער עץ הדעת איהם ערווידערט,
„אַבער גראַדע דיעזער פאקט דעם עץ החיים שטאַרק דערנידערט,
עס הייסט, אז איך בין ביי די מענשען אַנגענומען מעהר ווי דו,
אַט זעהסט דאָך, איידער לעבען אייביג און אָהן וויסען,
וויל אדם ליעבערשט שטאַרבען, נור מיין פרוכט געניסען."

די בעוואוסטזיניגע עץ הדעת־פּאַטריאָטען,
אַרט ניט וואָס דער עץ החיים איז פאַר זיי פערבאָטען...

## די ביער און דער שנאַפּס.

די ביער געזאגט האט צו דעם שנאפּס : „ס'איז ניכר,
אז דו ביזט דער מענשהייט'ס ערגסטער שונא.
דיינע האנדלונגען זיא זיינען נידריגע, געמיינע ;
דו מאכסט דעם יעניגען וואס טרינקט דיך, זעהר שכור.
אט איך בין אויך פון אלקאהאל, נאר דאך ניט אזוי שלעכט,
פון ביער קען מאנכער ווערען, בלויז אביסעלע פערשוועכט.''

דער שנאפּס האט הייזעריג ערווידערט : „שווייג שוין שווייג, דו לומפּ!
מילא איך, בין אפען, אלע ווייסען ד'מאך שכורים,
דו ביזט אבער פערמאסקירט, מיט גוטינקע דבורים,
פערשלעפּסטו אונשולדיגע מענשען טיעף אין זומפּ :
דו קומסט אלס איינפאכער געטראנק און מיט א פרומער מינע,
פערפיהרסטו מענשען, פּונקט ווי איך, צו שרעקליכער רואינע.''

דער אפענער באנדיט, איז ניט אזוי געפעהרליך,
ווי יענער, וועלכער איז מאסקירט און ציינט זיך בלמרשט עהרליך.

# די וויינטרויבען.

די פרוכט פון גאר דער וועלט, געוואלט האט טרעפען,
ווי קומט עס, אז פון אלע פרוכטען וואס נאטור בעשאפט,
די וויינטרויבען, פערמאגען גאר די בעסטע זאפט
און פראדוצירען פאר די מענשען דעם בעוואוסטען ייך־גפן ?
מיט וואס האב'ן זיי זיך דאס פערדיענט דעם געטליכען געשאנק,
ארויסצוגעבען דא, דעם וועלט־בעריהמטעסטען געטראנק ?

א הענגעל טרויבען, וועלכער איז געווען דערביי,
האט גלייך זיי קלאהר געמאכט דעם וואונדער.
,,איהר אלע פרוכטען, וואקסט זיך איינציגווייז, בעזונדער,
די טרויבען אבער, וואקסען גרופענווייז, זיי האלטען זיך געטריי,
אין יעדען הענגעל הונדערטע צוזאמען.
דעריבער טאקי, האט עס אונזער וויין די בעסטע טעם'ען.''

די ערקלעהרונג מעג זיך קלינגען קאמיש, דאך איז עס א כלל,
איינינקייט האט פיעל צו זאגען איבעראל.

# דער ציביק און דער סיגאר.

,,יעצט זענט איהר שוין אַלע קנאַקערס, גרויסע לייט!"
גענזאַגט דער ציביק האַט צו'ם סיגארעט און צו'ם סיגאר:
,,אַבי נור גרייפּעלאַך, קען אויסקאכען א קאַשע יעדער נאַר!
וואו זענט איהר געווען אַמאַל, אין גאַר דער אלטער צייט?
דעם טעם פון רויכערען, צוערשט, בעקאַנט געמאַכט האָב איך,
און ריהמט אייך איינער, מיינט עס אייגענטליך, ער ריהמט גאַר מיך."

דער סיגאר האַט איהם געענטפערט, זיך פערציהענדיג גאַנץ שטאַרק:
,,אין אמת'ן גערעדט, איז יעדער מענש אויף אונז ערביטערט,
ווייל רויכערען איז שעדליך, עס צושטערט די נערווען און ערשיטערט.
דו האָסט אַלזאָ נור אריינגעבראַכט אַביסעל גיפט אין מארק,
און קוים ביזטו געווען דער ע ר ש ט ע ר , מענשען צו פערסמ'ען.
בעדאַרף מען איבערהויפּט דיך גאַר ניט ריהמען, נור פערדאַמען."

ס'איז קיין עהרע ניט צו זיין דער ערשטער, עטוואס צו ענטדעקען.
ווען די ניי־ענטדעקטע זאַך איז ניט פאַר ניצליכע און גוטע צוועקען.

# דער אַקער־אייזען און די שווערד.

דערזעהענדיג די שווערד בײ׳ם זייט פון גענעראל,
ווי יענע הענגט מיט גאוה אין א שעהן־פערפוצטער שייד,
איז באַלד דער אַקער־אייזען אויפגערעגט ארוים מיט שאַרפע רייד:
„איך פּראָטעסטיר! מיר ביידע זיינען דאָך געשמידט פון איין מעטאַל,
טאָ ווארום ביזטו א בכבוד׳ע און גענעראַלסקע שווערד,
ווערענד, איך בײ׳ם פויער, אַקער מיט׳ן נאָז די ערד!״

„פּאַר ברויט, בעקומט מען אימער ביי די מענשען שטיינער.״
געענטפערט האָט די שווערד, „מיין ליעבער אייזען!
ווער הייסט דיר טהון די מענשען גוטעס, זיי צו שפּייזען?
נעהם שנייד זיי, פּאַסענווייז, דערלאַנג זיי גוט איבער די ביינער,
זעטיג זיך מיט זייער פלייש און בלוט, ווי איך האָב זיך געפיהרט,
וועסטו אויך דאַן לעבען רייך און ווערען רעספּעקטירט.״

דער מענשען־פריינד ליגט אימער טיעף אין דער אדמה,
עס לעבט נור יענער גליקלאַך, ווער עס פיהרט מיט אונז מלחמה.

## די גערעכטיגקייט און די קראַפט.

די גערעכטיגקייט געזאָגט האָט צו דער קראַפט: „ס'אַ פאַקט,
מיר ביידע, ווען צוזאַמען, זיינען גאָר אַ גוטע זאַך,
בעזונדער אָבער, שטעהסטו נידריגער פון מיר, אַ סך;
דו בענעהסט, ניט־זעלטען, אַ פערברעכערישען אַקט;
גערעכטיגקייט אָהן קראַפט, נאָך אַלץ גערעכטיגקייט פערטרעט,
די קראַפט אָהן מיר, איז אָבער איינפאַכע ברוטאַליטעט.״

„ווען מען אַרט עס אויב דו ליובסט מיך אָדער ניט?״
ערווידערט האָט אויף דעם די קראַפט.
„וואָס דו פערמאָנסט, האָסטו זיך אויך דורך מיר פערשאַפט,
דו אַליין האָסט זעלטען ווען געמאַכט אַ שריט.
גערעכטיגקייט אָהן קראַפט, בעוואָרפען ווערט מיט שמוץ,
און ווילסטו עטוואָס אויפטהאָן, מוזט דו האָבען מיך אַלס שוץ.״

די גערעכטיגקייט מוז, ליידער, אויסשטעהן צרות, בלוטען,
אָהן דער קראַפט ביים זייט אַלס נאָהענטען מחותן.

# דער טעלעפאָן.

אַז אַבגעניצטער טעלעפאָן, איז צווישען שברי־כלים,
געלעגען ערגעץ אויף אַ בערגעל מיסט, עק שטאָדט,
און ליגענדיג, געטענה'עט דאָרט צו גאָט:
„ווי לאַנג ערשט האָב איך, גאָטוניו! בעלאַנגט דאָ צו די גדולים?
ווי לאַנג ערשט, זינט עס האָט מיט מיר געקלונגען?
יעצט וואַלגערען זיך אָהן אַ היים, בין איך געצוואונגען!"

אַן אַלטער שטיקעל עדיטאָריעל, האָט עס גלייך דערהערט
און, ווי זיין שטייגער, ניט געפרעגטערהייד ערקלעהרט:
„איך וויים די אורזאַכע פון דיינע גרויסע ליידען,
פלעגסט תמיד נור פון פרעמדע אינטערעסען ריידען
ווען דו וואָלסט בלויז מיט זיך אַליין געווען פערנומען,
וואָלסט דו צו דיעזען צושטאַנד קיינמאָל ניט געקומען."

די יעניגע וואָס לעבען נור פאַר פרעמדע אינטערעסען,
פערבלייבען אָפטמאָל זעלבסט פערלאָזען און פערגעסען.

# די אײביגע שקלאפען.

אין א צירקוס האב'ן די חיות אן אסיפה אררײנדזשירט.
מיט'ן צוועק צו זוכען מיטלען ווי פון שטײג זיך צו בעפרײען,
און דער לײב, אלס יושב ראש, האט צארנדיג אנגעהויבען שרײען:
„סטײטש! א טויזענד זעעלען ווערען דא עקספלואטירט,
און צו פראטעסטירען, ברומען,
זײנען װעניגער ווי העלפט, צום מיטינג דא, געקומען!"

„אדוני קעניג!" האט דער פוקס די זאך ערקלעהרט
„אלע שטאלצע חיות, וועלכע האסען שקלאפערײ,
זײנען דא אם פלאץ, זײ ווילען ווערען פרײ.
ס'פעהלען אוים בײם מיטינג בלויז די פערד,
דיעזע אונוויסענדע זײנען לײדער די מאיאריטעט און ווי עס שײנט,
האבען זײ דאס גלות־לעבען גאר ניט פײנט."

מאנכע מענשען, ווי די פערד, פערלאנגען ניט קײן פרײהײט,
פאר א ביסעל האבער, שווערען זײ צו יעדען שמײסער טרײהײט...

## דער שליסעל און די זון.

א שליסעל שטעקענדיג אין טיהר צום גאס, בעריהמט האט זיך בזה הלשון:
„איך בין דער בעגלויבטעסטער אין גאר דער וועלט,
כיר פערטרויעט מען ציהרונג, ווערטה־זאכען און געלט,
און כאטש אליין בין איך נור ווערטה א צעהן גראשען,
דאך ליגט דאס בעסטע פון דער וועלט, ביי מיר אונטער'ן שלאס.
דער קליינער שליסעל, איבער אלעס איז דער בעל הבית!"

און שיקענדיג א שטראהל, געזאגט די זון האט צו'ם בעריהמער:
ביזט א הארטער נפש און א קליינער „בעל הוצאה"
זעלטען ווער עס האט דערפאר פון דיין עשירות א הנאה!
וואס טויג דער וועלט א זאך וואס ליגט פערשלאסען אימער?
אט, איך מיין ליכט און ווארימקייט, שיט אוים פאר יעדען פריי,
ווייל וואס פערשלאסען איז, צו האבען איז אין גאנצען ניט כדאי!"

די קארגשאפט האט קיין ווערטה מיט אלע איהרע אוצרות, האב און גוטס.
וואלטהאט אבער, שיינט און ווארימט ווי די זון, זי ברענגט אונז נוץ.

## די צוויי טשייניקעס.

דער גרויסער טשייניק וואסער האט געקאכט זיך און געזאדען,
שיפענדיג און בלאזענדיג זיין הייסע פארע:
זידלענדיג דעם קליינעם טשייניק טהע מיט יענעמס ביסעל וואארע:
„איך שעהם מיך גאר מיט דיר צו שטעהן דא אויף דעם זעלבען באדען!
ביזט קליין און אונבעדייטענד, אנגעפילט מיט רויטליך־געלען שטאף,
צו טרינקען דיך אליין, וואלט איינפאך זיין די גרעסטע שטראף.״

„מיין רויטליך־געלע פליסיגקייט, האלט אויף דיין עקזיסטענץ!״
האט ערווידערט איהם דער קליינער טשייניק טהע,
„ווער וואלט דען געזופט דיין הייסע וואסער גלאט אזוי?
עס האט דאך גאר קיין ברעקעל טעם אהן מיין עסענץ!
ס'איז אמת, דו ביזט גרעסער פיעל פון מיר,
פון מיין עסענץ בעקומסטו אבער דיין געשמאק און דעם קאליר.״

די מאסען, ווי דער גרויסער טשייניק, דענקען מאנכעס מאהל,
אז זיי אליין דא זיינען כל וכל,
און דאך געדענקט מען און מען שאצט איעדען דור,
דורכאויס לויט זיינע קינסטלער און געלעהרטע נור.

# די שוואַרצע און די ווייסע האָר.

די שוואַרצע האָר דערזעהען האָבען צווישען זיך אַ ווייסע,
„ביזט ניט אונזערע!״ געשריהען האָבען זיי מיט צאָרן,
„מיר, דאָ אַלע, זיינען דאָך גאָר שוואַרץ געבאָרען!
מיט דיר האָט דאָ געמוזט פּאַסירען ניט קיין שעהנע מעשה...
גאָר פלוצלונג זיך אַזוי צו ענדערען! ווייזט אויס דו ביזט ניט קלאָהר,
— דו מאַכסט צו שאַנדע אונזער גאַנצע קאָפּ מיט האָהר.״

„איהר אונוויסענדע!״ האָט די ווייסע האָהר צולאַכט זיך,
„דאָס וואָס האָט אַצינד פּאַסירט מיט מיר,
וועט מיט אייך, מיט אַלעמען, פּאַסירען היער,
מיט מיר, האָט עס אַביסעל פריהער נור, געמאַכט זיך,
ניט וואונדערט זיך, ניט ערגערט זיך, עס איז קיין נייעס,
ס׳מעג גוט זיין, אָדער שלעכט, איהר׳ט אַלע ווערען ווייס!״

די וועלט האָט פיעלע מאָל פערדאַמט געוויסע לייט,
פאַר פרעדיגען אַ וואַרהייטס־אידעאַל אַביסעל פאַר דער צייט.

## דער הערינג און די ציבעלע.

דער הערינג און די ציבעלע, צושניטענע אויף'ן טעלער,
געלעגען זיינען זיך אלס פארשפייז, אויף'ן טיש
און ס'האט געלאכט פון'ם צוויבעל, דער געזאלצטער פיש.
„דיין ביטערקייט, אט דא אין הארצען, מאכט מיר אן א פעהלער.
איך ווייס ניט וועלכער גולם קען דיך האבען גערען,
דו רופסט דאך גאר ארויס ביי יעדען איינעם טרעהרען!"

די צוויבעל האט דערויף געענטפערט איהם: „שטיק פגר!
א שפאס, א מציאה, ד ו ביזט עס א מאכל!
א „ליטוואק" מיט אביסעל מילך געזאלצענע אין בייכעל!
דו האסט נאך חוצפה לאכען דא פון מיר, א שטייגער!
איך אבוואהל פערביטערט, קען מיר אויסלעבען אזוי די יאהרען.
אבער דיך, ווען מ'זאלצט ניט איין, וואלסטו פערפוילט געווארען.

מאנכער וועלכער לאכט פון אלעמען און אלץ,
עקזיסטירט גאר מיט דעם חסד פון אביסעל פרעמדע זאלץ...

# דאָס וואַסער און דער שטיין.

דאָס קליינע וואַסער'ל האָט קריעג ערקלעהרט צום שטיין אין וועג
און באַלד איהם אַטאַקירט לויט איהר בעגריף,
מיט אַפּטע קליינע טראָפּענס טריף! טריף! טריף!
(ס'זאָל הייסען אין מלחמה־שפּראַך „אַ האַנד צו האַנד געשלעג.")
און געלאַכט האָט דער בעפעלענער, „כאַ, כאַ! וועסט גאַרנישט מאַכען,
דיין אַטאַקע קיצעלט מיך, עס מאַכט מיך בלויז צום לאַכען."

דאָס וואַסער'ל האָט אָבער אָנגעפיהרט די קריעג
מיט זעלטענער ענערגיע, כסדר, טאָג און נאַכט,
דער שטיין איז ענדליך שטום געוואָרען און ניט מעהר געלאַכט,
זוייל טראָפּענווייז דאָס וואַסער האָט דערנעה'נטערט זיך צום זיעג;
טאָג נאָך טאָג און וואָך נאָך וואָך
ביז זי האָט דאָרט דורכגעבויערט אין דעם שטיין אַ לאָך.

מיסערפאָלג איז אייער אייג'נע שולד,
זוייל מסתמא פעהלט אייך אוים געדולד.

## די וואנץ און די מטבע.

א וואנץ ארומגעקראכען איז אנומעלט אויף א גראשען.
(איך וויים ניט ווי דאס קען געשעהען,
דאס טרעפט זיך אבער, ד'האב עס גראדע שוין געזעהען.)
הכלל, זי האט גערעדט צו זיך אליין בזה הלשון:
„דאס שיינט צו זיין א גרויסער אוצר! א גוואלדאוונער קאפיטאל!
ארונטערקריכען וועל איך דא ניט קענען פאר קיין פאל!"

די וואנץ האט אויך געהאט א שטארקען גרונד,
צו דענקען, אז די קליינינקע מטבע,
פערנעהמט א פופציג מייל צי גאר א מאה,
ווייל דרעהענדיג זיך אויף'ן גראשען רונד און רונד,
און זעהענדיג, אז וואו זי קריכט איז געלט,
האט זי געמיינט, ס'איז גרוים ווי גאר די וועלט.

מאנכער מענש איז ווי די וואנץ, א מאדנע בריאה,
בלויז א גראשען, איז ביי איהם א גאנצע מציאה.

# די שמאַנט און די זויער־מילך.

די זויער־מילך האָט פּראָטעסטירט :
„סטייטש ! די שמאַנט כסדר שטופּט זיך אויבען אָן,
מאַכט זיך פאַר א גאַנצען האָהן,
און אַלס די אויבערשטע פון קריגעל איבעראַל זיך פּראָקלאַמירט,
ווי קען דאָ אָבער גאָר פון יחוס זיין די ריידע.
אין אמת'ן מיר שטאַמען דאָך פון'ם זעלבען אייטער, בּיידע !"

„גאַנץ ריכטיג !" האָט אויף דעם ערווידערט איהר די שמאַנט.
„בּיידע שטאַמען מיר דאָ פון דער זעלבער קוה,
איך בּין אָבער פיעל געשמאַקער אויף'ן טעם ווי דו ;
און וואָס נאָך מעהר אינטערעסאַנט,
דו זעלבּסט האָסט מיך דאָ איבער זיך ערהויבען,
ד'בּין פעטער פיעל פון דיר, דעריבער זיין איך אויבען."

די מעהרסטע וועלכע זיצען אויבען אָן, — די שמאַנט,
געוואונען האָבען זייער פּלאַץ, דורך פעהיגקייט, טאַלאַנט.

# דאָס געזעץ און די נויט

דאָס געזעץ געקומען איז מיט טענות צו דעם בורא:
„וואָס טויג איך, גאָטוניו, אין גאַנצען אויף דער וועלט,
ווי באַלד די מעגליכקייט מיר דאַרטען פעהלט,
איך זאָל קענען האַלטען די געזעץ־ברעכער אין מורא?
די נויט למשל, וויל לחלוטין מיך ניט רעספעקטירען,
זי ברעכט מיך זעהר אָפט, און ד׳קען זי גאָר ניט קאָנטראָלירען.״

און פון הימעל איז געקומען ענטפער, קורץ און בינדיג:
„מיין קינד! דיין קלאָגע קלינגט מיר זעהר מיאוס,
וואו ס׳הערשט געזעץ, בעדאַרף גאָר דאַרט די נויט ניט זיין במציאות.
קוים נאָר אָבער איז זי דאָ, איז דאָס געזעץ שוין זינדיג,
ווייל באמת איז דאָך אונגעזעצליך איבערהויפט,
די נויט זאָל ווערען אירגענדוואו ערלויבט.״

דאָס געזעץ בעדאַרף זיך עצה׳נען און קליגען,
ווי די נויט צו אָבשאַפען, אַנשטאָדט זי צו בעזיעגען.

# די אפּע און די ביבליאָטעק.

אַז אפּע האָט געהערט, אז ביכער מאַכען מענשען קלוג.
זי האָט צו דיעזען צוועק,
בעשלאָסען איינצושאפּען זיך א ביבליאָטעק.
אַט דאָס אליין, האָט זי געדענקט, וועט זיין גענוג,
ווייל זעהענדיג ביי איהר א שאפּע ביכער אויבען אָן,
וועל'ן אלע דענקען, אז זי איז א הויך־געלערענטע פּערזאָן.

נור שטעהענדיג גאַנץ ווייט פון בילדונג'ס דלד אמות,
האָט זי אַ מאַסע ספרים אָנגעשלעפּט, דורכאויס אליין־איינע,
אַפּי די רוקענס שעהנע,
נאָכהער צושטעלט אין שראַנק זיי, טויזענד גמרא'ס, אלע בבא קמא'עס,
נאַטירליך, ווער עס האָט איהר ביבליאָטהעק בעטראַכט,
האָט אָנגעכאַפּט זיך ביי די זייטען און געלאַכט.

מאַנכער געלד־זאַק פילט מיט ביכער אָן זיין שאַפּע,
מאַכענדיג דעם אויסוואהל, פונקט ווי יענע אַפּע...

## די פאָנטיין־פּען און דער בּליישטיפט.

די פאָנטיין־פּען האָט מיט דעם בּליישטיפט זיך גערייצט.
,,דו זעהסט! דיין יחוס איז יעצט שטאַרק געזונקען,
אַט מיך בּעדאַרף מען אויך ניט מעהר אין טינטער טונקען,
א קוואַל מיט טינט, פון מיר כּסדר פליצט,
דו מוזט מיט מיר צוטהיילען זיך דיין קרוין,
איך שרייבּ יעצט, פּונקט ווי דו, פון זיך אליין.״

אויף דעם ערווידערט האָט דער בּליישטיפט: ,,ס׳הויבּט זיך גאר ניט אָן!
קיין כּבוד האָסטו נאָך דערוויילע ניט פערדיענט,
דו שרייבּסט נאָך, שוועסטערקע, מיט פרעמדע טינט,
אָהן דיעזען פרעמדען שטאָף, איז אוים! קענסט גארנישט טהון,
אַט זעהסטו, איך! שרייבּ וואָכען און מאָנאַטען אָפּ,
בּלויז שאַרפענדיג און שפּיצענדיג מיין קאָפּ.״

די קרוין פון כּבוד, דעם אָריגינעלען קינסטלער בּלויז געהערט,
ווייל נאָכגעמאַכטע, פרעמדע, האָט א קליינעם ווערטה.

# דאָס שוועבעלע און דער אייזערנער צוואַק.

דאָס שוועבעלע געזאָגט האָט צו דעם צוואַק : ,,דו טויגסט אויף קלאַגען!
דיין קאָפּ איז פלאַטשיג, זעהר מיאוס און דערצו,
בעקומט עס אָפטע קלעפּ, עס לאָזט דיך ניט צורוה :
עס קריכט נור אויף די ווענט און קריגט דערפאר געשלאָגען.
אָט איך בעזיץ א קלוגע קעפּעלע, ס'איז שעהן און רונד,
עס ליגט זיך אימער רוהיג, זיין זאָל עס מיר טאקע נור געזונד!"

אויף דעם ערווידערט האָט דאָס צוועקעל, שפּיציג שארף :
,,מיט מיין צוקלאַפּטען קאָפּ, בעדארף איך מיך גאָר ווייניג שעהמען,
ד'קריג קלעפּ, פּרובירענדיג א נייע זאַך צו אונטערנעהמען,
איך קען זיי אויך געדולדיג איבערטראַגען ווען מען דארף.
דאגעגען דו, ביזט נור א בריה ביז מען נעהמט דיך אין די הענט,
פון איינמאָל דיך א רייב טהון, ווערסטו באלד פערברענט."

פעהיגקייט און אויסדויער, בעלאַנגען ניט צו שעהן־פארמירטע קעפּ,
נור צו די פערהאַרטעוועטע, אונערשראָקענע פאר קלעפּ.

# די צייטונג און דאָס בוך.

די צייטונג האָט געלאַכט פון בוך:
„ברודערקע! דו געהסט שוין גאר אַרויס פון מאָדע,
ביכער לעזען, איז א שווערע יעצט הכבדה,
און אויסער ווי אין ביבליאָטהעקען, זעהט מען ניט דיין דוך.
דו האָסט פערלאָרען ביי דער מענשהייט דיין בעדייטונג,
ביזט פאַלשטענדיג בעזיעגט געוואָרען פון דער צייטונג!"

„עס הויבט זיך גאר ניט אָן, ביזט ניט מיין קאָנקורענט!"
האָט ערווידערט גוטמוטהיג דער ספר.
„עס איז וואהר, דו האָסט אויף זיך מעהר קויפער,
די ביכער־לעזער זיינען אָבער מעהר אינטעליגענט,
זיי האַלטען מיך בכבוד, לופטערען מיך, פוצען,
די צייטונג אָבער, ווערט סוף־סוף בענוצט אין כל השמוצען..."

בעסער האָבען בלויז געצעהלטע גוטע־פריינד, נור טרייע,
איידער מאַסען, כלמרשט גוט־בעקאַנטע, טעגליך נייע.

# דער שנעע און דאָס אײַז.

דער ווייסער שנעע צוגאַנגען איז, פערוואַנדעלט זיך אין בלאָטע.
דאָס אײַז פון קעלער האָט איהם ביטער קריטיקירט:
„אָה וועה! צו וועלכען תכלית דו האָסט זיך דערפיהרט!
ווען איך בין דו, וואָלט איך געשטאָרבען פאר גריזאָטע.
ווי שעהמסטו זיך ניט טיעף אזוי צו זינקען?
חזירים דאַרפען דאָך זיך מיאוסען דיין וואסער טרינקען.”

„אין קלאָהרקייט און אין זויבערקייט בין איך אין דיר געראָטען.”
אויף דעם געענטפערט האָט דער שנעע.
„נור דו ליגסט טיעף אין קעלער אונטער שטרוי,
בשעת איך אין גאַס, פון יעדען איינעם, ווער געטראָטען.
מיר ביידע בלייבען ריין, ווען אונטער זיעבען שלעסער,
קוים ליגען מיר אין גאַס, ביזטו פון מיר ניט בעסער!”

בעטראַכט ניט די צוטראָטענע, מיט האַס,
אממעהרסטען שולדיג איז אין זייער צושטאַנד, נור די גאַס....

# דער טרעמפּ און די קראָוואַט.

דער טרעמפּ *) געלאַכט האָט פון דער מענערשער קראוואַט :<br>
„דו טויגעניכטס, דו שניפּסעל גולם, לאַנגער עק !<br>
דו ברענגסט קיין ברעקעל נוץ, דו דיענסט קיין צוועק,<br>
דו הענגסט נור ווי אַ פינפטער ראָד צום וואַגען אקוראַט.<br>
אמת קלוגע, פאַרטגעשריטענע פּערזאָנען,<br>
וויל'ן אזעלכע פוסטע צערעמאָניעס, מעהר ניט קאָנען.״

דער אַנגענרייפטער האָט אויף דעם ערווידערט : „ביטע !<br>
מיין נאָמען דאַרף מיט עהרע זיין בעדעקט,<br>
דערפאַר שוין, ווייל מען האַלט מיך אַלס אַ צייכען פון רעספּעקט.<br>
איך ארבייט פאַר אַ מנהג, האַלט נור אַן אַ זיטע,<br>
און אַ סמן אַז איך דין דאָ צו אַן אידעאַל אַ הויכען,<br>
איז די „דיימאַנד־פּין״ וואָס איך בעקום אַלס עהרען־צייכען.״

דער טרעמפּ מעג לאַגיש און געדעכט ארגומענטירען,<br>
די מענשהייט וויל זיך אָבער מעשה־טרעמפּ ניט פיהרען...



*) אַ היימלאָזער, בראָדיאַגע.

# די קאַטשקע און די הוהן.

די קאַטשקע האָט געפּרעגט איהר פריינדין „הוהן”, א שאלה:
„ווי קומט עס וואָס די קאַטשקע־אייער געהען ניט אין מארק,
אויף היהנער־אייער, איז די נאָכפראגע, דאגעגען, זעהר שטארק;
וואָס האָבען דיינע היהנער־אייער פאַר אַזאַ מין מעלה?
דוכט זיך, קאַטשקע אייער זיינען גרעסער פיעל און אָהן א מום
און מען קויפט זיי ניט, מען באַיקאָטירט זיי אומעטום!”

„עס ווענדט זיך גאָרניט אן דער גרויס און אָהן די פרייזען.”
געענטפערט האָט איהר סוחריש־מעסיג אונזער הוהן,
„דו לעגסט אן איי און מאכסט זיך גאר א שוויינ דערפון,
בשעת דו דארפסט גאָר פונקט ווי איך, דיין סחורה אדווערטייזען, *)
פאַר און נאָך’ן לעגען, קודקודאַטשע איך פאַר שטונדען.
ד’אדווערטייז, דעריבער האָב איך אויף מיין סחורה קונדען.”

עס איז זיכער איבעריג אין דיעזען פאל,
אויסצוטייטשען פאר’ן עולם די מאָראל.



*) אנאָנסירען.

# די יוגענד און די עלטער.

די יוגענד האט געטאנצט, געשטיפט, פערגניגען זיך פערשאפט.
„די גאנצע וועלט איז מיינע!" האט זי פראקלאמירט.
„מיין צוקונפט פרעכטיג איז, מיין וועג מיט בלומען־קרענץ
בעציערט,
ד'בין שטארק און מעכטיג, אונערשעפליך איז מיין קראפט.
וואס טויג מיר דענקען, טראכטען, זארגען,
איך האב דעם היינט און איך וועל זיכער האבען אויך דעם מארגען!"

„מיין קינד! זיי שפארעוודיגער", האט געווארענט זי די עלטער.
„בענוץ ניט גאר דיין פולווער אין דעם ערשטען שאס,
צוטהייל דיין קראפט אויף זיעבציג יאהר, אין גלייכער מאס,
דאן קענסטו קיינמאל זיך ניט פיהלען שוואכער, אונגליקליכער, קעלטער.
קוים שפארסטו ניט דיין קראפט, לעבסט זארגלאז, אונערשראקען,
צושווימט דיין ביסעל גליק, ווערסט יונגערהייד א זקן."

די עלטער איז פיעל פראקטישער זי פרעדיגט אונז די טוגענד,
וואס טויג עס אבער, ווען זי קומט ערשט נאך דער יוגענד ?..."

## די צוויי פידלען.

א פידעלע אן ארימס, פון א כלי זמר דארטען. סתם,
געפרעגט האט איינמאל ביי א ווירטואזען־פידעל:
„ווי קומט עס וואס ביי דיר האט יעדעס ליעדעל,
א הימליש־וואונדערבארען, געטליך־זיסען טעם?
דוכט זיך פון די זעלבע האלץ, ווי איך, ביזטו געמאכט,
דאך, דיין שפיעלען געגען מיינעם, איז ווי טאג צו נאכט!"

„מיר ביידע האבען פעהיגקייט און אויך טאלאנט."
דער ענטפער איז זאפארט געקומען.
„עס ווענדט זיך נור ווי ווייט דאס ווערט פון אונז גענומען:
ווי ווייט מיר ווערען אויסגענוצט פון'ם שפיעלערס האנד.
און ווילסטו וויסען, פריינד, ווארום מיין שפיעלען איז געראטען?
ד'ווער אויסגעשעפט און אויסגעזויגען ביז די לעצטע נאטען."

יעדער מענש האט פיעלע מעלות אין זיך שטעקען,
די ערציהונג אבער, דארף עם אויסשעפען, ענטפלעקען.

# דער שפּאַציער־שטאָק און דער רעגען־שירם.

„רעספּעקט פאַר אונזער בּרודער!׳׳ האָט געקלאַפּט דער שטאָק.
„דער יעניגער וואָס טראָגט מיך בּיים שפּאַציערען,
פּערדיענט גאַנץ עהרליך, אז דער עולם זאָל איהם רעספּעקטירען,
ווייל מיר צוליעב, ער טראָגט שוין אויך א שעהנעם הוט און ראָק;
א מאַן מיט א שפּאַציער־שטאָק, האָט אַן אויסזעהען אַן עלעגאַנטען,
און ניט אומזיסט מיך טראָגען טאַקי, אלע גרעסטע פראַנטען.״

דער רעגען־שירם האָט ערווידערט: „בּיזט א טהייערע און גוטע זאַך,
נור זאָג מיר, בּרודערקע, איך וויל דיך פרעגען,
וואָס טויגסטו אין א טאָג, ווען ס׳געהט א רעגען?
צי האָסטו פאַר׳ן מענשען אַנגעגרייט, ווי איך, א שטיקעל דאַך?
א קלאָג צו׳ם מענש וואָס בּלייבּט אין רעגען מיט׳ן הוילען שטעקען!...
בּיים שירם אָבער, האָט דער מענש מיט וואָס זיך צו פערדעקען.״

מאַנכע לוקסוס־זאַכען, עלעגאַנץ און רייכער פוץ,
האָבען קיין שום ווערטה ווען ס׳קומט צו בּרענגען עטוואס נוץ.

## דער הונגער און דער שכל.

דער הונגער, ריידענדיג צו׳ם שכל, האט בעקלאגט זיך
אז קיינער גלויבט איהם ניט, כאטש ציה זיך אויס,
און קומט א הונגעריגער צו דעם זאטען, ווארפט מען איהם ארויס.
מען וויל ניט גלויבען, אז דער הונגעריגער פלאגט זיך.
מענשען וועלכע האבען זעלבסט דעם הונגער ערשט געשפירט,
איז אט ווי זיי ווערען זאט, פערגעסען זיי, אז הונגער עקזיסטירט.

דער שכל האט איהם קלוג געענטפערט: „זיי געטרייסט!
דו האסט נאך גליק, דו קענסט דערלעבען און דיין פיינד נקמה,
דער זאטער, טרעפט, ווערט הונגעריג, דאן ציהסטו זיין נשמה,
אט מיר, דעם שכל, גלויבט מען אויך ניט, ווי דו ווייסט
און איך קען זאגאר ניט דענקען אימיצען אמאל בעשטראפען —
כאטערען דעם שכל׳לאזען קען איך קיינמאל גאר ניט האפען...״

דער זאטער קען נאך הונגערען און ווערען גוט און פרום,
דער שוטה, אבער ווערט ניט קליגער, אייביג בלייבט ער דום...

# די קוילען און די קאַנאָנע.

די קוילען האָבען זיך געקריעגט מיט דער קאַנאָנע.
„סטייטש ! געשריהען האָבען זיי מיט וואוטה,
„רק צו צווינגסט אונז צו פערגיסען אונשולדיגע בלוט.
דערצו נאָך שטעלסטו אונז אליין אין א סכנה.
יעדען מאָל ווען דו פאנגסט אָן מיט אונז צו שיסען,
ווערען מיר אין פיצע־פיצעלעך צוריסען.״

„כא ! כא ! איהר האָט א חוצפה נאָך צו פראָטעסטירען.״
האָט געדונערט די קאַנאָנע מיט אַ טייפלישען געלעכטער.
„דער פראָטעסט נאָר דאַן געווען וואָלט א גערעכטער,
ווען ער זאָל קומען בשעת מען נעהמט אייך פאַבריצירען.
אָהן די קוילען וואָלט איך דאָך ניט האָבען דאָ מיט וואָס צו קראַכען.
טאָ ווארום ערלויבט איהר, מען זאָל אייך, אלס קוילען מאַכען ?״

ווען מענשען לאָזען זיך פערוואַנדלען אין סאָלדאַטען,
איז לעכערליך צו פראָטעסטירען געגען די מלחמה־רעזולטאַטען !...

# דאָס קוועקזילבער.

דאָס קוועקזילבער פון טהערמאָמעטער האָט בעקלאָגט זיך:
„אָה, גאָט! ווארום בין איך אזוי געשטראָפט?
איך בייט מיך לויט'ן וועטער אזוי אָפט;
אָט ווי די בייזע צייט צו מיר פערטראָגט זיך,
ווארום בין איך ניט זעלבסטשטענדיג און פעסט?
איך שטייג און פאַל לויט הייסע טעג און פרעסט."

„עס איז לחלוטין גאָר ניט קיין חסרון."
געענטפערט האָט דעם קלעגער, גאָט.
„ס'איז אדרבה א מעלה וואָס ניט יעדער איינער האָט,
ווערסט קיינמאָל ניט צושמאָלצען, קיינמאָל ניט פערפראָרען,
און אנדערער, פערשפּארט אָהן לופט, אזוי ווי דו,
וואָלט לאנג שוין טויט געווען, געלעגען אין זיין רוה."

מאנכע פיהרען אויס א גוטען לעבען און א שעהנעם,
ווייל זיי ווייסען ווי זיך צוצופּאסען דאָ, צו יעדען איינעם.

# דער נאַכטיגאַל און די וואראנע.

ווען גאט,
בעשאפען האט
די פויגלען אלערליי,
צוטהיילט האט ער זיי אין צוויי מחנות,
אין זינגערינס און פראסטע ,,יאכנעס״:
אייניגע וואס פישצען גלאט אזוי,
פלוידערען אהן טעם און אהן טאלאנט,
אנדערע מיט נאטען גוט בעקאנט.
צווישען זיי
דער נאכטיגאל און די וואראנע,
געוואלט האב׳ן ביידע ווערען פרימאדאנע.
ווערענד איינע פון די צוויי,
געוואוסט האט מען, צו׳ם פראסטען קלאס געהער.
די פראגע איז געוועזן בלויז ,,ווער?״
,,ציוו, ציוו!״ געפישצעט האט דער נאכטיגאל ערביטערט;
,,קרא, קרא!׳ האט דער וואראנעס קול פאר אויפרעגונג געציטערט.
דאס האבען זיך, די צוויי, אויף פויגעל־שפראך געקריעגט,
נור קיינער האט נאטירליך ניט געזיעגט,
ווייל יעדע איינע האט מיט גדלות זיך בעריהמט,
אז זי איז דאס די פרימאדאנע, גאנץ בעשטימט.
ווען שפעטער אבער האט מען ביידען זיי געשטעלט צו פראבע,
צו זינגען סאלאס, דינינקע און גראבע,
האט באלד פערשטאנען יעדער איינער,
ווער קינסטלער איז און ווער א קאליקע א גאנץ־געמיינער:
דער נאכטיגאל האט אויסער קריגען זיך, געקענט אויך געבען טרעלען
צוגיסען זיך אויף זיין קאלאראטור־סאפראנקע גאר טשיקאוועס,
נור די וואראנע, ווענדיג מיט איהר טאלאנט געפעלען,

# דער וואוכערער.

„מיין גאָט !״ גע׳טענה׳עט האָט א זינדיגע נשמה.
„דו הייסט מיר מגולגל ווערען אין א שינדער,
ד׳זאָל שינדען פעל פון נבלות, פערד און רינדער ;
זיך עוסק׳ן מיט פגרים־מתים, ווי א כלב־טמא,
פערגעס זיך אָבער ניט, איך האָב א רב אין מיין משפּחה,
איז איהם צוליעב, בעשער מיר גאָטוניו, א שעהנערע מלאכה !״

„האָסט רעכט !״ האָט גאָט געענטפערט, „שטאַמסט פון יחוס !
עס איז א טענה ווירקליך א גערעכטע,
ס׳וואָלט נעבאך פאַר מיין רב׳ל זיין א שטראָף א זעהר שלעכטע,
הכלל ! זאָלסט האָבען אויף דער וועלט אַן אַנדער שליחות,
דו מוזט שוין אָבער בלייבען אונזער כלב׳ס קאָנקורענט,
טאָ זיי א וואוכערער און שינד פון אר׳מע לייט פּראָצענט...״

דער וואוכערער־מיוחס און דער פּראָסטער שינדער,
פערמאָגען ביידע איין געפיהל — א נשמה פון א זינדער...

# פערוועריםטע פרוכט.

די פרוכט פון גאר דער וועלט, גע'טענה'עט האט צום הימעל:
,,ווארום זאל יעדעס פרוכט דא ליידען פון א שונא,
פון ווערים גרויסע אדער קליינע,
פון ווערען ווייך, פון פוילקייט און פון שימעל,
ווערענד בלויז די פרוכט פון פעדער בלייבט איין אייביג פריש,
גוטע ביכער לעבען דורות, בלייבען אימער גאנץ און זיס."

אויף דעם גענטפערט האט מען זיי פון אויבען:
,,די פרוכט פון פעדער ליידעט אויך פון ווערים,
באצילען וועלכע לינען איהר אין די געדערים,
מיקראבען וועלכע אפט איהר זאפט און טעם בערויבען,
ס'טרעפט זי איז זאגאר פערפיילט אין מאנכע פלעצער — .
יא, די פרוכט פון פעדער האט אויך זיך די גרייזען פון'ם זעצער."

אפטמאל צייגט זיך דער פערפאסער גייסטיג-ארים,
אבער ס'איז די שולד גאר פון דעם זעצערס ווארם . . .

האָט זי דעם זעלבען „קרא" געשריהען העכער אויף אַ פּאָאַר אָקטאַוועס.

מאַנכער גוואַלדעוועט און פּויקט, אַז קיינער איז צו איהם ניט גלייך,
אַז ער שטעהט פון גאָר דער מענשהייט העכער,
אָבער ווען עס קומט צו פּראָבע, איז ניט שייך,
אַלעס וואָס ער קען, איז גוואַלדעווען אַביסעל פרעכער....

נור אך !   ווי טרויעריג געווען זיינען די רעזולטאטען !
די חיות האבען דארט א סעודה'לע געמאכט זיך אויף'ן ארט !...

אזוי איז שוין פון אייביג אן דער כלל,
איך קען אייך ברענגען הונדערט טויזענד ראיות,
קוים טרעפען וואהלען וואו, איז איבעראל
די בהמות לאז'ן זיך נארען פון די חיות ! . . .

# די חיות און די בהמות.

בעשאפענדיג די וועלט, דאן אדם'ן צו לעצט,
„גענוג!" געזאגט האט גאט, „איך ענדיג!
נעהם דרעה זיך וועלט, פון זיך אליין, שוין שטענדיג:
איהר ברואים, וועט זיך זעלבסט בעשאפען שוין פון יעצט.
דער מענש זאל זיין דער הערשער, איהם בעלאנגט די קרוין,
און איהר, די חיות, קלייבט זיך אויס רעגיערער,
שטעלט אן פערטרעטער צווישען זיך אלס פיהרער,
ערוועהלט בעאמטע אין דעם חיות'שען פעראיין."

די ווילדע חיות האבען תיכף א פערהדיענסטעלע דערשפירט . . .
אוועקגעלאפען צו די בהמות אין די שטאהלען,
דעם זעלבען טאג ערקלעהרט האבען זיי וואהלען
און זיך אליין אלס קאנדידאטען נאמינירט.
זיי האבען אויך געטהיילט פרעזענטען איבעראל.
דעם פערד א היי, דעם אקס א שטרוי, דעם עזעלע א האבער
און חניפה'לאך צו יעדען איינעם. ווידער, אבער,
„צום מיטינג ברידער, קומט ארויס פון שטאהל!"
צו די מיליאנען אקסען, עזלען, פערד,
גערעדט האב'ן דאן דער לייב, דער וואלף, דער טיגער,
זיך פראקלאמירענדיג אלס פעהיגער און קליגער
צו פיהרען די ממשלה דא אויף גאטעס ערד.
זיי האבען צו די מאסען פריינדליך אפעלירט;
פערשפראכען אבצוהיטען יעדענס אינטערעסען,
אויב שטימען וועט פאר זיי דער עולם ניט פערגעסען.
און וואונדער, ווי די חיות האבען טריאמפירט!
די בהמות האבען אלץ געגלויבט, איעדעס ווארט
און באלד ערוועהלט די נאמינירטע קאנדידאטען,

# די נויט און דער לוקסוס.

די נויט געקומען איז צום לוקסוס מיט א טענה:
„סטייטש! די מענשהייט ווערט אין קנאה־שנאה יעצט ערצויגען,
דיין פארטייאישקייט איהר רייסט די אויגען!
א קלייניגקייט, די ווילדע משוגעת'ן דייגע!
דו רייצסט זיך אפען מיט דעם אריכאנ'ס געפיהלען,
בלויז איינצעלנע דו פיהרסט ארום דא אין אויטאמאבילען,
פון אלע אנדערע, דו ווילסט ניט וויכען,
ווארום זאל'ן אלע פון דעם לוקסוס ניט געניסען?"

„וואס ווילסטו דען?" געקומען איז דער ענטפער מיט א לאך,
„איך, פאר מיינע רייכע, טהו דאס בעסטע וואס איך קען,
ד'גיב זיי אלע פערגעניגעס, ד'קוק ניט וואו און ווען,
ווארום זאלסטו, פאר דיינע ארימע, ניט טהון די זעלבע זאך?
די נויט איז דאך אלמעכטיג, זי צובריכט אפילו אייזען,
ווארום־זשע ווילסטו אויך דיין פולע קראפט ניט ווייזען?"

די נויט וואלט דארפען קליגען זיך און שטרעבען,
דעם לוקסוס צו פערניכטען דא אין לעבען,
אנשטאט צו פאדערן, אז אלע זאלען ווערען גלייך,
דורכדעם וואס זי אליין זאל אויך דא ווערען רייך! . . .

# דער קוואַל און די בלאָטע.

א פרישער וואסער-קוואל פערשטאָפט געוואָרען איז מיט שטיינער,
(מסתמא דורך די ווייסע-חברה'ניקעס, וואווילע יונגען.)
א בלאָטיג וואסער'ל, א שכנה, האָט דערפון געדרונגען,
אז יעצט וועט מוזען טרינקען איהרע וואסער יעדער איינער.
זי האָט זיך שטאָלץ א הויב געטהאן צוגאָסטען זיך, צופלייצט,
געלאכט פון קוואל און זיך מיט איהם גערייצט.

און ווירקליך! מענשען האָבען דיעזע בלאָטע־וואסער
אנגעפאנגען טרינקען . . .
ניר באלד האָט זיך ארויסגעצייגט דער רעזולטאט
א בויך־ווערטאג און א ניט־גוטקייט. ווי פון סם המות, אקוראט,
דער בלאָטע'ס נאמען האָט דאן ביסלעכווייז גענומען זינקען,
ביז ס'האָט די נאכבארשאפט אויף איהר דערלאנגט א שפיי
און אבגערייניגט דעם פערשטאָפטען וואסער־קוואל אויפס ניי.

מיט פוילע מהורה קענט איהר אויף'ן מארק ניט לאנג פערווײלען,
דער עולם קריגט א בויך־ווערטאג און ליבט פון אייך באַר מיילען...

ניט ווייט פון דאָרטען, אין דער קראָם,
געלעגען איז אן אַפּעלסינע
און מיט אן אבלאַכענדער מינע,
אַרויסלאָזענדיג דופט אַ שטראָם,
אַריינגעמישט האָט זי זיך אין געשפּרעך :
„איהר גרויסע יחסנ׳טעס ! ס׳איז דאָך צום לאַכען,
אליין זיך איינצורייידען דאָ אַזעלכע פּוסטע זאַכען !
אַט דיעזע זעלבסט־בעריהמעריי איז פּשוט בּרעך ;
ווי קומט איהר זיך גאָר גלייכען צו אן עדעלען פּראָדוקט ?
ס׳איז איינע ביטער אויף׳ן טעם,
די צווייטע — וואָסער׳דיגליך סתם,
און ווען האָט דען אַ רעכטער מענש אויף אייך געקוקט ?
געשטיגען זענט איהר ניט אין יחוס, נאָר אין פּרייז,
און אַט איז אַ בעוויז,
איהר קומט נאָך ניט צום טיש אַלס נאַשעריי, דעליקאַטעסען,
נור פּונקט ווי. אימער, אַלס די „שאר־ירקות״־שפּייז ביים עסען.״

רייך צו ווערען דורך אַ „בּום״, אַ ספּעקולאַציע,
הייסט נאָך ניט צו האָבּען יחוס־רעפּוטאַציע.

## די ציבעלע, די קאַרטאָפעל און די אַפּעלסינע.

א ציבעלע און א קארטאפעל,
וואָס זייער פּרייז אין מארק
געשטיגען איז גאנץ שטאַרק,
נאָך יאָהרען־לאנג זיין שפל,
געלעגען זיינען זאלבאנאנד
ביים קרעמער אויף א באנק,
ניט ווייט פון שראנק,
וואו ס׳קען ניט צוקומען קיין פרעמדע האנד...
און גאנץ געמיטליך צווישען זיך
מיט שמאָלץ גערעדט.
„איך מאָך א וועט,
געזאגט האָט די קארטאפעל, דיך און מיך
יעצט קויפען נור עשירים,
די אמת׳ע מאגנאטען
וואָס עסען טעגליך בראטען,
מיר פּאסען זיך נור פאר די גבירים.
איך האָב שוין לאנג געוואוסט,
אַז מיט קבצנים און דלפונים,
מיר ביידע זיינען קיין מחותנים,
זיי זיינען ניט נאָך אונזער גוסט,
דו זעהסט דאָך, אונזער ווירדע כסדר שטייגט!
איך זאָג דיר פריינד, אצונדערט,
די צייט אליין האָט אונז געצייגט,
אז צו די הויכע ראנגען
מסתמא מיר בעלאנגען,
מיר ביידע זיינען טאקע דאָ, הפנים
פון גאָר די אויבערשטע יחסנים,
און מוזען חבר׳ן זיך נור מיט די „פיער הונדערט״.

# די שעהר און די פען.

א שעהר אריינגעפאלען איז אין א רעדאקציע,
זיך בעפריינדעט דארטען מיט דער פען און באלד
אויפגעהויבען א געטומעל און א גוואלד:
„רעספעקט! ד'בעלאנג שוין צו דער שרייבער-פראקציע!
א צייטונג אהן א שעהר, איז ווי אהן הענט,
אהן מיר וואלט זי בשום אופן גאר ערשיינען ניט געקענט!"

די פען, אויף דעם געענטפערט האט איהר, מיט א שטריך א גראבען.
„וויים איך וואס! דו קענסט דאך גאר ניט אנשרייבען קיין שורה,
ביזט א פראסטער קאליקע-שניידורע!
וואס נארסטו דא די וועלט, ווער דארף דיך האבען?
די צייטונג האט פון דיר א קנאפע טובה,
דיין גאנצע ארבייט דא, בעשטהעט אין גנבה"...

דעם זעלבען ענטפער קענען געבען אלע פראדוצירער,
צו מאנכע לעדיג-געהער, זא־גענאנטע פיהרער.

# די צוויי שוועבעלאַך.

„רעספעקט!" געשריהען האט דאס שוועבעלע וואס ליגט אין קעסטעל,
"ד'בין ניט מעהר קיין איינפאך שוועבעלע, קיין פראסטער חי וקים.
איך בעלאנג שוין צו א הויכען קלאס, א נייעם:
איך וואלגער מיך ניט לויז אין טאש פון וועסטעל!
איך רייב מיך ניט אן יעדער לוטקע אדער טיהר,
איך ליג מיר אין א שעהנער שאכטעל, רייב מיך בלויז אן איהר."

„ס'א קנאפער אונטערשייד!" ערווידערט האט די צווייטע.
„וואו דו רייבסט זיך, וואו דו צינדסט זיך אן,
סוף כל סוף, פון'ם רויטען האהן
מירביידע בלייבען ליגען אבגעברענטע, טוידטע,
וואס טויג מיר שאכטעל־שמאכטעל, ראקפעלערס פאלאצען,
אז דארטען האלט דיך אויך דער מלאך המות פאר די לאצען!"

דער שטאלץ פון די אריסטאקראטען האט קיין ווערטה,
זא לאנג אונז אלעמען די זעלבע ענדע איז בעשערט.

ווייל איך גיב אייך ניט קיין דרייער
פאר די אקראבאטסקע שטיק
און פאר גאר דאס גליק
פון די אלע נארישע בעריהמער, שרייער.״

„אז אך און וועה, ווער ס׳האט זיך זעלבסט גענומען לויבען!״
געענטפערט האט די ביעז. „דו שווארצע בריאה!
דיין גרויס עניוות איז א קנאפע גאר מציאה;
דו ארבייטסט שטיל,
ווייל גאר דיין ציעל,
איז אימער נור פאר זיך אליין,
ס׳איז צו׳ם פערשטעהן,
דו שווייגסט אויס מורא מען זאל דיך חלילה ניט בערויבען.
ביזט שפארזאם, קארג און ווי געוועהנליך יעדער עגאאיסט,
ציטערסטו, מען זאל זיך ניט דערוויסען אין דער וועלט,
וואו עס ליגט דיין אייגענס אין דיין אונטעראירדישען געצעלט.
פערקעהרט, די ביען
שרייעט: „כל דכפין!״
זי זינגט, זי רופט, זי פראקלאמירט:
— קימט פראפיטירט!
מיין בינשטאק גיט אייך וואקס און האניג גאנץ אומזיסט! — ״

מאנכער ענו וועלכער האלט זיך שטיל און קליין,
טהוט עס, אויסגערעכענט, ווייל ער האט אין זינען זיך אליין...

# די מוראשקע און די ביען.

א קליין מוראשקע האט מיט כעס קריטיקירט די ביען :
,,זעהט נור ווי דאס מאכט פון זיך אזא מין וועזען !
פונקט ווי גאר די וועלט זאל ווערען דא פון איהר גע:עזען.
זי פליהט ארום,
פון בלום צו בלום
און זשומעט אן א פולען קאפ,
זי זינגט מיט טראפ,
זו, זו ! זו, זו! אז אסור אויב דאס האט א זין !
מיר שיינט, די ביען בעלאנגט צו'ם סארט בעריהמער :
וואס וויל זיך צייגען ארבייטסזאם און טיכטיג,
אז יעדע רגע איז ביי איהר ווער ווייסט ווי וויכטיג,
איהר ערנסט, מוטה ;
איהר פייער, וואוטה,
איהר זיין בעשעפטיגט, שטארק פערטיעפט ;
איהר שיסען גיפט,
דאס אלעס מאכט מיך נור צו'ם לאכען אימער.
אט אונז, מוראשקעס, ווייסט די וועלט פון ברעג צו ברעג,
אין ארבייטסזאמקייט קען מען אונז ניט איבערשטייגען.
דאך טהוען מיר די ארבייט שטיל, מיר שווייגען ;
מיר זשומען ניט,
מיר ברומען ניט ;
מיר ווייסען ניט פון פלייסען זיך,
פון בייסען זיך ;
פון פיהרען קריעג מיט דעם וואס שטעלט זיך אונז אין וועג.
דעריבער טענה איך, אז ביי די ביענען,
קען יעדערער געפינען
הוצפה מעהר ווי אלעם
און אהן צווייפעל אויך דעם דלות.

## דער ריכטיגער פראָדוצירער.

דער סמיטשיק, פיעדעל און די לינקע האַנד,
האָבּען צווישען זיך געדעבּאַטירט,
ווער פון זיי דאָס עכטע שפּיעלען פּראָדוצירט.
און יעדער איינער האָט געזאָגט, אז יענעביידע זאַלבּענאַנד,
איהם העלפען נור ארויסבּרענגען די קלאַנגען,
נאַטירליך, דאַרף דער גאַנצער כבוד, איהם אליין בּעלאַנגען.

דאָס צוגעהערט האָט איינער א מוזיק־פּראָפעסאָר
און אַלס גרויסער מבין, זיי די זאַך ערקלערט:
„אַלע דריי, האָט איהר פאַר דער מוזיק, אַ גרויסען ווערטה,
קיין איינער אָבּער איז פון אייך ניט בּעסער אָדער גרעסער,
דער עכטער פּראָדוצירער איז דער מענש, דער מוזיקאַנט,
ווייל איהר אָהן איהם, זענט אַלע פּראָסטע כלים, אָהן טאַלאַנט.“

ניט דער, ניט יענער, איז דער שעפער פון דער וועלטליכער־קולטור,
מיר אַלע זענען בּלויז געצייג־שטיק בּיי דער געטליכער נאַטור.

## דער שפיגעל און דער שכל.

ס'האט געערגערט זיך א שפיגעל ערגעץ אויף א וואנד:
„סטייטש! איך צייג דעם מענשען זיין געשטאלט,
אויב ער שעהן איז, אדער מיאוס, יונג צו אלט.
טאווארום זאל איך ניט צייגען אויך זיין גראד פערשטאנד?
ווארום זאל יעדער שפיגעל, צייגענדיג דאס פנים
ניט צייגען אויך דעם חילוק צווישען קלוגע און נאראנים?"

דאס האט צוגעהערט דער שכל און געגעב'ן איהם צו פערשטעהן:
„דו בעגרייפסט נור יעדע זאך פון אויבען־אויף,
אט דעריבער צייגסטו נאר די אויסערליכקייט פון דעם גוף,
קענסט דאס טיעפע ניט בעגרייפען, ווייל דו ביסט ניט טיעף אליין.
דער מענשליכער פערשטאנד איז צו א טיעפע זאך
אין דו, מיין פריינד, ביזט פלאטשיג, זעהר פלאך!"

מאנכער וויל מבינות זאגען וועגען אלעס אין דער וועלט,
באטש די פעהיגקייט דערצו איהם נעבעך פעהלט.

## עקשנות.

דער יונגער פוהרמאן האט געפרעגט ביים אלטען :
„ווי קומט עס וואס א פערד, בשעת עס ברענט די שטאהל,
וועט ער ניט לאזען זיך ארויספיהרען פאר קיין שום פאל ?
עס איז פון איהם לחלוטין גארנישט צו דערהאלטען
עס העלפט דיר ניט קיין בעטען, רופען, גלעטען,
ער ווערט פערברענט און לאזט דיך ניט דו זאלסט איהם רעטען.”

„ניט פרעג מיך אויף אן אויסגעשפאנטען פערדיל, קיינע קשיות.”
געענטפערט האט דער אלטער בעל עגלה,
„עס איז, אויף פערד, פון גאט, אזא מין קללה :
אז אהן א ציימעל, זיינען זיי די איינגעשפארטעסטע נפשות
און קוים נאר האלסטו זיי ניט ביי די לייצעם,
איז אויס! זיי ווילען דיך ניט הערען און ניט פאלגען דיינע עצות.”

דער עקשן, ווי דאס פרייע פערדעל, וויל פון קיינעם קיין ערקלעהרונג,
אפילו ווען עס דראהעט איהם מיט אונטערגאנג, צושטערונג.

# דער בעטלער און דער קעניג.

„מיט וויפיעל, קעניג! ביזטו גליקליכער פון מיר, אין גאנצען?
האט דרייסט געפרעגט דער בעטלער, קומענדיג אין פאלאץ שנארען.
„דער נעכטען איז דאך פאר אונז ביידען שוין פערלארען,
דער מארגען איז פערבארגען; גאט וויים וואו דיין קרוין וועט גלאנצען.
עס בלייבט דער „היינט" נור — היינט איז דיר דער עולם
אונטערטהעניג,
ס'הייסט בלויז איין איינציג טאג, ביזטו דער גליקליכער,
דער קעניג!"

„פערשטעהסטו, פאר דער צוקונפט דארף איך מיך ניט זארגען,"
האט באלד דער קעניג איהם געענטפערט. „וויים, מיין פריינד!
דער נעכטען העלפט מיר איך זאל זיין א קעניג היינט,
דער היינט וועט מיך אלס קעניג מאכען מארגען;
דער עבר מיט'ן עתיד זיינען פעסט געבונדען,
פערקניפט אין'ם „היינט", אין דיעזע פיער און צוואנציג שטונדען."

ווען איהר קענט נור אייער „היינט" מיט פינקטליכקייט ערקלעהרען,
ווייסט מען וואס איהר זענט געוועזן און וואס פון אייך וועט ווערען.

## די ליעבע און די חניפה.

„ביזט א פאלשע בריאה!" האט געזאגט די ליעבע צו דער חניפה,
„דיינע זיסע קאמפלימענטען האבען קיין ממשות,
ווער עס קען דיך, כאפט איהם אן פון דיינע רייד חלשות,
האסט ניט קיין געפיהלען, עכטע, הארציג־טיעפע,
ליידער, נארט זיך אב אין דיר, ניט איינער,
אנשטאדט ליעבע, קריגט ער נעבאך ביי דיר שטיינער."

„נארעלע!" געענטפערט האט די חניפה, צוקער־זיס.
„איך בין נור פאר יענע מענשען, און ארטיקעל,
וועלכע ליעבען גראדע פאלשע חניפה'לע א שטיקעל,
געניסען וועלכע טרעטען וואהרע ליעבע מיט די פיס,
עכטע פריינדשאפט האבען יענע מענשען ניט די ווערטה,
האט זיי גאט די פאלשע חניפה, אויף דיין פלאץ, בעשערט."

דער מענש וואס נעהמט אן שלעכטס פאר גוטעס, פאלש פאר עכט,
פערדיענט קיין בעסערס ניט, ס'איז אויף איהם רעכט!

# די נאַכט און דער טאָג.

„א י ך  בין אויף דער וועלט, דאָס בעסטע וואָס קען געבען.“
נעזאָגט די נאַכט האָט צו דעם מענשען.
„איהר אַלע דאַרפט מיר דאַנקבאַר זיין, מיך בענשען,
ד׳ברענג אייך רוה און נייע קראַפט צום לעבען;
די נאַכט, צו אַלע צרות ברענגט אַ סוף,
זאָגאַר דער אונגליקליכסטער פיהלט זיך גליקליך אין זיין שלאָף.“

„וועה צו יענעם, וואָס דאַרף זוכען גליק אין חלום!“
ערווידערט האָט דער טאָג אויף מאָרגען,
„אין שלאָף פערגעסט מען זיך אַ ווײַלע אויף די זאָרגען,
אָבער ס׳איז קיין גליק צו זיין האַלב טוידט, כמעט עליו השלום,
די נאַכט בעפרייט נור פאַר אַ ווײַל פון טרויער, קלאָג,
דאָס עכטע גליק געניסט נור יענער ווער עס לעבט אַ גוטען טאָג.“

ווען איינער מוז שוין זוכען רוה און גליק אין שלאָפען,
האָט ער דאָס עכטע גליק אין לעבען, זיכער ניט געטראָפען.

# דער מזל און די חכמה.

דער מזל און די חכמה האָבען זיך צואָווערטעלט:
אוּן גענומען שטעכען איינס דעם צווייטען.
„חכמים, זאָגט דער מזל, לעבען ניט פון גרייטען;
זיי ווערען דאָ גאָר וועניג וואָס געצערטעלט;
לאָ לחכמים לחם, קלוגע האָבען ניט קיין ברויט,
ווערענדיגע מזל'דיגע מענשען ווייסען גאָר ניט וואָס איז נויט."

די חכמה האָט אויף דעם ערווידערט גאַנץ געלונגען:
„צו לעבען מזל'דיג, קען יעדער גולם, יעדער נאַר,
„חכמים", רופען זיך דאָ מאַנכע בלויז דערפאַר,
ווייל קעמפפען געגען מזל זיינען זיי געצוואונגען,
נאַראַנים נעבאַך, קענען זיך אָהן מזל טאַקע ניט בענעהן,
קלוגע אָבער, קענען זיך בעזאָרגען גאַנץ אליין."

דער חכם קען דעם שלעכטען שיקזאַל אָפט בעזיעגען,
ער דאַרף זיך אָבער אָנשטרענגען און קליגען.
ווען איינער אָבער זאָגט: „איך האָב קיין מזל! ד'בין פערלאָרען!"
ז'ער אויסער אַ „שלימזל", אויך אַ שוטה פון געבאָרען...

## דער רייזע־פּאַס און די דיפּלאָמע.

דער רייזע־פּאסספּארט האט זיך איינמאל שטארק צולאכט.
„כא! כא! איך ווער פאר נחת ברייטער, לענגער, דיקער,
דער מענש איז דא דער טפל, איך — דער עיקר,
אהן מיר, ווערט קיינער ניט גענומען גאר אין אכט:
איך פערנעהם דעם אויבען־אן, דעם שפּיגעל,
ווייל די גרעסטע ראליע שפּיעלט מיין זיגעל.״

אויף דעם געענטפערט האט איהם די דיפּלאמע:
„דו טראגסט נור יעדען מענשענס נאמען און אדרעס.
נאר קיינמאל ניט זיין אינערליכען יש,
זיין גייסט, זיין „איך״, דעם ווערטה פון זיין נשמה.
דיעזע זאכען ביזטו ניט אומשטאנדע צו בעשטימען
און דעריבער קענסטו זיך בלויז צווישען פרעמדע ריהמען;
אין דער היים אבער ביזטו אויף גרויסע צרות,
יעדער איינער דארף דיך דארטען אויף כפּרות.״

אין דער פרעמד און צווישען אונבעקאנטען עילם,
קען אמאל א ראליע שפּיעלען יעדער גולם...

## דער טשייניק און דער טאָפּ.

דער טשייניק האָט פון זיך געבלאָזען, גאָר ווי עפּעס רעכטס.
„אַלע טעפּלאַך האָבען אַ גערוך." האָט ער געזאָגט.
„יעדערער מיט וואָס זיין מאכל איז פערבראַקט,
און וואו אַ טעפּעל, מוז עס שמעקען מיט געקעכטס,
בלויז מיר טשייניקעס, פערמאָגען אזא כח,
אַז פון אונז ניט שמעקען זאָל דער מינדסטער ריח."

אַן אַלטער טאָפּ, דערלאַנגט האָט איהם אַ הייסען שפּריץ.
„זעה נור ווי דאָס האָט זיין קרומע נאָז פעררינסען!
בריה מיינער! קענסט דאָך בלויז מיט לייכטע פאַרע שיסען...
ביזט אויך אַ טאָפּ דען? כאַ, כאַ, כאַ! ס'אַ שעהנער וויץ!
עס שמעקט פון דיר ניט, ווייל דיין מאכל האָט קיין ריח און קיין טעם.
דו קאָכסט נור ריינע וואַסער סתם."

צו זיין אָהן פעהלער, איז נאָך גאָר אַ קנאַפּע מעלה,
וואָס טהוט איהר אויף? ווי וויכטיג זענט איהר? — איז די שאלה.

# די בעלי תשובה.

„דאנקען גאט!״ געזאגט האט די חרטה מיט פערגלאנצטע אויגען.
„דער מענש איז גאר נאך ניט אזוי געפעהרליך שלעכט,
מען קען איהם געבען צו פערשטעהן וואס אונרעכט איז, וואס רעכט:
קיים ערקלעהרט מען איהם זיין טעות, גיט ער צו און לאזט זיך בויגען.
אט איך אליין, האט פיעלע שוין גערעטעט פון א צרה,
ווייל קריגענדיג חרטה, האט ניט איינער שוין בעזיעגט זיין יצר הרע.״

„כא! כא! כא!״ צולאכט האט זיך א מיאוס׳ע עבירה,
„פון דיין בעריהמעריי, איז נור צו לאכען.
א שפאס נור וואס דו קענסט דא מיט דיין גבורה מאכען!
בלויז די אלטע אדער קראנקע נעהמען אן דיין תורה,
כל זמן דער מענש איז אבער שטארק און יונג,
הולטאיעוועט ער רעכטס און לינקס און שטעלט דיר אויס א צינג.״

פרעגט ניט דעם בעל תשובה׳ניק, ווארום ער איז ניט מעהר פערשייט,
פרעגט איהם בעסער שטילערהייד, אויף וואס ער ליידט...

# דער משוגענער.

א משוגע'נער געלעגען איז געבונדען און אין כעס.
„איך דענק, האט ער געזאגט, עס איז א סברא,
אז משוגע זיינען גאר די קלאהרע
און בינדען מענשען אדער זאכען, איז דאס זייער משוגעת.
והראיה, ביכער האבען דאך געווים א שכל א געזונדען
און דאך, ווי מיר משוגעים, ווערען זיי געבונדען.״

א בוך וואס איז געלעגען דארט דאביי,
אויף דעם בעמערקט האט: „מיר די ביכער אין אזא מין פאל,
פערטהיידיגען זיך ניט, מיר מאכען קיין סקאנדאל,
דעריבער לאזט מען אונז דריי זייטען פריי,
דאגעגען דו, ווערסט ווילד, דו קענסט עס ניט פערטראגען,
דו ווערסט דערום געבונדען פעסט און קריגסט נאך גוט געשלאגען.״

ליידען צרות דא אין לעבען, מוזען אייך די קלוגע,
גוט געשלאגען אבער, קריגט נור יענער בלויז וואס איז משוגע.

# קאָלומבוס און די איי.

קאָלומבוס האָט געמאַכט, פיעל געגנער זיינע, שוויינגען
דערמיט וואָס ער האָט זיי בעוויזען בדרך וויץ,
אז יעדע איי, אַוועקגעשטעלט קען ווערען אויף איהר שפּיץ,
א זאַך וואָס זיי, די געגנער זיינע, ניט געקענט האָבּ'ן צייגען.
ער האָט דאָס איי א שטאַרקען זעץ געטהאָן אָן טיש,
— פערפלאַכט עס און ס'איז באַלד געבּליבּען שטעהן,
און ווען דער עולם האָט געזאָגט: „דאָס קענען מיר אליין!"
האָט דאַן קאָלומבּוס זיי געענטפערט: „נו געוויס!
נאָכדעם ווי איך האָבּ אייך געצייגט דעם קונץ מיט מיינע הענט!
ווארום האָט איהר דאָס אָבּער פריהער ניט געקענט?"

פיעלע קליינע שכל־זאַכען, לייכט איז צו געפינען,
נור גראַדע פאַלט עס קיינעם גאָר ניט איין אין זינען.

# ליכט און שאָטען.

דאָס ליכט האָט זיך בעקלאָגט פאר לייטען:
אז דער שאָטען מאכט איהר אָן דאָ צרות אָהן א ברעג,
רק ער שטעלט זיך איהר אין וועג,
ער פאָלגט איהר אימער נאָך, פון נאָהענט און פון ווייטען.
ווען ניט דער שאָטען, וואָלט דאָס ליכט געזעה'ן זיך ריכטיג;
די גאַנצע וועלט געווען וואָלט העל בעלויכטען, ליכטיג.

„דאָס ליכט אליין, וואָלט קיינמאָל ניט בעגייסטערען די ראיה",
האָט געענטפערט איהר דער שאָטען,
„מיר צוליעב נור, זעהט מען אז דו ביזט געראָטען;
אָהן מיר, וואָלסטו געווען א קנאַפּע מציאה.
איך טהו דיר ניט קיין שלעכטס, נור גראדע גאָר פערקעהרט,
צוליעב דעם שאָטען, מערקט מען ערשט דיין גרויסען ווערטה."

דעם אמת'ן טאלאנט בעדארף ניט אארען,
וואָס קאליקעס איהם טהוען נאָך, צום אויבען אָן זיך שפּארען
אט גראדע צוליעב זייערע חסרונות,
דערקענט די וועלט דעם גאון'ס גאונות.

# די טענה צו גאָט.

די שטומע הויז־ארטיקלען פון דער וועלט,
האָב'ן איינמאָל מיט אַ טענה זיך צו גאָט געשטעלט:
,,רבונו דעלמא כולה! מיר בעמערקען אין געפינען,
אז אלע מענשען־גליעדער, אויסער איינעם, אונז בעדיענען.
די בעט, למשל, שטעהט אויף פיס; די טיהרען האבען הענטלאך,
דער וואש־טאָפּ, האט צוויי אויערען אויף זיינע ווענטלאך;
די קאָם האט ציינער; פעטע יויך האט אויגען;
דער טשייניק האט אַ נאָז גאַנץ־אידישלאך געבויגען;
די בערשטלעך האבען האָהר; דער לאָקשען־ברעט האט זייטען.
עס פעהלט אונז נור אַ מויל צו דער קאָלעקציע, זיי ביי לייטען.״

,,דאָס מויל איז ניט פאַר אייך!״ געענטפערט האט מען זיי פון הימעל
,,פון כלים דארף מען רייניגען דאס שמוץ און שימעל,
נו איז שמוץ פון אלע גליעדער, וואשט זיך אב מיט זייף,
וועהרענד שמוץ פון מויל, פערוואשט זיך ניט, ס'איז אייביג טריף.״

מאַנכע מענשען מעגען פון אַט דיעזער פאַבעל ציהען נוצען
און וואס ווענינגער דאס מויל זיך שמוצען . . .

מיר לויפען דאך פון זיי אוועק, מיר לאזען זיי צו זיך ניט צו,
נו קענסטו דאך זיך ניט בעריהמען
מיט חסידים וואס דו קענסט מיט זיי ניט שטימען,
דערפאר ווען דו אליין,
קומסט יא אמאל צו אימיצען צו געהן,
און אנערקענסט איהם אלס א גדול, אלס געראטען,
איז גראדע יענער זיצט ביי מיר, פערשטעקט אין שאטען.״

ווער ס׳לויפט נאך כבוד, קען עס קיינמאל כאפען
און קען קיין בכבוד׳ע פערזאן ניט ווערען,
ער מעג ווי טומלען, ליארעמען און קלאפען,
וועט איהם ניט העלפען, ס׳וועט די וועלט איהם ניט פערעהרען.
דער כבוד קומט צו יענעם נור וואס שאפט די גוטע פרוכט,
און האט דעם כבוד ניט ערווארטעט, ניט געזוכט.

## דער כבוד און דער שאָטען.

ס'האָט דער כבוד און דער שאָטען,
אנגעפיהרט א שטרייט
ווער פון זיי האָט וויכטיגערע פּאַטריאָטען,
ווער פון זיי פוןביידען איז מעהר „לייט".

היות נאָך ביידען יאָגט זיך נאָך
דער מענש זייט פיעלע יאָהרען,
טאָ ווער איז ניצליכער פאַר איהם אין תוך
און וועמען וואָלט ער קענען שפּאָארען?

„איך בין וויכטיגער פון דיר, פון'ם שאָטען!"
האָט דער כבוד זיך בעריהמט,
„יעדער איינער ווייסט בעשטימט,
אז נאָר מיר צוליעב, די מענשהייט פארוועדטם האָט געטראטען.

גוטעס ווערט אממעהרסטענס נור געשאפען,
בלויז אום מיך, דעם כבוד, צו פערדיענען;
אלע גרעסטע מענשען זיינען מיינע שקלאפען
און דורך מיר, די וועלט וועט פיעלעס נאָך געווינען.

אנדערש שטעהט עס דאָ מיט דיר, קאָלעגע!
בלויז די קינדער און נאראָנים לויפ'ן דיר נאָך,
אויף דער מענשהייט ביזטו נור א יאָך,
קיינעם וואָלט דיין אינטערגאנג ניט קימערען א רגע."

אויף דעם געענטפערט האָט דער שאָטען: „לאָז צו רוה!
פון די וואָס יאָגען זיך נאָך אונז, נאָך ביידען,
איז איבערהויפּט ניטאָ גאָר וואָס צו ריידען,

# דער קליינער עלוי.

א טראָפּען טינט בּיים פעדער-שפּיץ, געפרעגט האָט זיך אליין:
„מיין גאָט! עס כאַפּט מיך איינפאַך אָן א שרעק.
וואָרום בּין איך פון טינטער טינט אוועק?
וואָס קען איך טראָפּעלע דאָ אויפטהאָן? ד'בּין דאָך מאָדנע קליין,
אזא מין קאָפּעטשקע! וואָס האָב איך פאַר א צורה?
ד'קען אסור-צער גענוג זיין אויף א קלייניגקער בראָשורע!"

דער דענקער האָט אויף דעם געענטפערט איהר גאַנץ שטיל:
„מיין קינד, פערצווייפעל ניט, קענסט אויפטהאָן גאָר א כּח,
דו דאַרפסט נור מיט טאַלאַנט פערצייכנען יעדע זאך;
דו קענסט אין ווייניג ווערטער זאָגען גראָדע זעהר פיעל;
בּיים שרייבּען, איז פאַראַן אָן אלטער, פעסט-געשטעלטער כלל:
— מען קען אין קורצען אויסדריקען די שעהנסטע שטיק מאָראַל."

דעם העכסטען שארפזין, אלע שפּריכווערטער וואָס איהר געפינט,
די צעהן געבּאָט זאגאר, האָט אויסגעדריקט א טראָפּען טינט.

# די קיה.

,,סטייטש!" געערגערט האבען זיך די קיה, געקרענקט פון צארן,
,,די מעהרסטע חיות אויף גאט'ס ערד,
ווי קעמלען, מויל־עזלען און פערד,
האבען קיינער ניט, אזוי ווי מיר דא, כרות יאהרען,
מיר, די קיה, דערלעבען גארניט אלט ווערען, אז אסור!
יונגערהייד נאך, ווערען מיר אריינגעהאקט אין סיר הבשר!"

,,זייט געטרייסט!" געענטפערט האט זיי דער בעשעפער.
,,פערגעסט ניט, אז איהר שטארבט צוליעב א גוטען צוועק,
מעןווארפט אייך אויך ניט ווי א נבלה דא אוועק,
אייער פלייש געבראטען ווערט: מיט צוויבעל, זאלץ און פעפער,
דערלאנגט מען אייך צום שעהנסטען טיש און דאס איז אייער גדלות,
קענען פערד און עזלען, וועלכע פגר'ן אלס אלטע פאדלעס."

איידער שטארבען ווי א פאדלע אונגעריהמט, נור אלטערהייד,
איז שוין בעסער שטארבען יונג, נור איבעראל בעוואונדערט נאך'ן טויט.

## די פעדער און דער רויטער בלײ־שטיפט.

די פעדער האָט זיך אויסגעריהמט פאר לייטען,
אז זי איז יעצט די מעכטיגסטע העלדינע.
„מיין קראפט, האָט זי געזאָגט, בעטראכט די גאנצע וועלט
מיט קנאה,
ד'קען מיין שונא שיסען פון דער נאָהענט און פון ווייטען,
איך, די שאַרפע פען, האָב אלעמען דאָ איבערשטיגען,
ד'בין א גרויס־מאכט, קיינער קען מיך ניט בעזיעגען."

אויף דעם געענטפערט האָט א בלײשטיפטעל א רויטער:
„און מיר, מאַיעסטעט, האָט איהר מסתמא זיך פערגעסען,
איך קאָנטראָליר דאָ אלע טינט־און־פעדער אינטערעסען,
צו איבערשפּארען מיך איז ווירקליך שוין ניטאָ קיין צווייטער.
יא! די פעדער מעכטיג איז, דער רויטער בליישטיפט
אבער קומט צוערשט,
ווייל פון מיר, זאָגאר די שאַרפסטע פעדער, ווערט בעהערשט."

דער שאַרפער קריטיקער, בעווייזט אונז דאָ אין דאָרט,
אז ווייט ניט אימער, האָט דער שרייבער גאר דאָס לעצטע וואָרט.

## דער גרעסטער היץ־קאָפּ,

די קיך־ארטיקלען האָבען צווישען זיך געדעבאַטירט :
היות די טעפּ כסדר זידען, קאָכען,
דער אויוועז פלאקערט, ברענט פאר וואַכען,
דער מעסער שניידט, דער גאָפּעל שטעכט, דער „אייז־באקס" פריהרט.
טאָ ווער פון זיי, פון אלעמען, איז דאָ דער גרעסטער כעס'ן
און וועמען קומט, פאר צופיעל זיין א היץ־קאָפּ, שמייסען ?

דער אלטער לאָקשען־טאָפּ גענומען האָט דאָס וואָרט :
„רבותי ! (צווישען אונז דאָ זאָל עס בלייבען...)
דאָס שוועבעלע וואָס צינדט זיך אָן פון איין מאָל רייבען,
איז זיכער א בעל־כעס'ניצע פון דעם ערגסטען סאָרט.
די אורזאכע איז פשוט, ס'זאָל איהר נור ניט זיין צו שאנד,
זי האָט א זעהר קליינע קעפּעלע און קיין פערשטאנד."

דאָס לעבען דאָ בעשטעטיגט יענע מיינונג פון'ם טעפּעל,
דער גרעסטער היץ־קאָפּ איבעראל, בעזיצט די קלענסטע קעפּעל...

## די צוויי שפינען.

„ניטא קיין מזל!" האט א שפין בעקלאגט זיך פאר דער צווייטער.
„יעדע נאכט מיין שפינוועב־נעץ פערשפרייט איך ריכטיג,
אבער ווי נור ס'ווערט אין צימער ליכטיג,
קומט אן א מענש, א טייוועל, אך! די יאהרען מיר דערגעהט ער!
אין א רגע ווערט פון איהם מיין נעץ צוריסען און צובראכען,
קורץ, איך קען ניט פאנגען דא קיין פליג פאר וואכען!"

„דאס איז דיין אייגען שולד!" איז איהר די תשובה באלד געקומען.
„וואס מיר מזל! ווער מיר שמזל! ביזט א גרינע!
שפינסטביים פענסטער דא דיין פאאוטינע.
אט איך האב מיר ביים צדקה־פושקע־שפאלט מיין פלאץ גענומען,
האב איך דא די בעסטע רעזולטאטען,
ס'הענגט מיין שפינוועבס אונצושטערט דא פאר מאנאטען..."

דארטען וואו מען ווייסט ניט פון רחמנות, העלפען, געבען,
מאכען שפינען־מענשען ביי דער צדקה־פושקע גאר א פיינעם לעבען...

# די קוה און דער הונד.

די קוה אין שטאל האט איינמאל אנגעפאנגען שרייען,
למאי די מענשען זענען איהר אזעלכע שונאים,
„בהמה!" איז א צונאהמען פאר שוטים און נאראנים:
מען לאכט אויך פון איהר מעלה־גירה'דיגען קייען.
סטייטש! זי ליידעט איבעראל פון אנטי־בהמה־איזם,
וועמעס דאגה איז עס, אז זי גלויבט אין פלעטשעריזם? *)

דער הונד, א כאפ טהו'נדיג א פליג, האט באלד גענומען בילען:
„האוו, האוו, האוו! א משל צו א טארבע פלעקער!
נא דיר גאר מען האסט זי! עס איז כזב ושקר!
ווער מיינט דען צו בעליידיגען די בהמ'ישע געפיהלען?
אלע ווייסען אז די בהמות זענען אנשטענדיג און פיין,
אבער מענשען, זאגט מען, דארפען נאך פיעל אנשטענדיגער זיין!"

משל למה הדבר דומה,
מענש, ניט זיין קיין בהמה!



*) פלעטשעריזם איז די לעהרע פון צוקייען דאס עסען זעהר דין.

# דער משל און דער נמשל.

דער משל האָט געזאָגט צו'ם נמשל: „איך בײַ דיר,
בין גראדע ווי א פענסטער אין א צימער;
דײַן ליכט בעקומסטו דורך'ן משל אימער,
ווײַל דו אליין ביזט זעהר דונקעל ווען אָהן מיר.
די נוץ פון'ם משל איז דעריבער גרויס אונענדליך,
דורך מיר נור, ווערט דער נמשל גוט פערשטענדליך."

דער נמשל האָט געגעבען איהם אַן ענטפער א פערדעקטען,
און אויך אביסעל משל'דיג, נור דײַטליך, קלאָהר:
„מיר בײדע זײַנען טאקע גאר א גוטע פּאָאר,
די צרה אָבער איז, וואָס פיעלע מענשען זענען שלעכטע ארכיטעקטען.
זיי קענען אונז ניט צופּאסען צוזאמען און דערום,
פיעל פענסטער מײַנע, שטעהען אין דער קרום..."

מאנכער רעדנער האלט אין שטעלען „פענסטער" נאָכאנאַנד,
צוקאליעטשענדיג אין צימער יעדע וואנד...

## דער שפּיעגעל און דאָס בוך.

דאָס בוך געפּרעגט האָט ביי דעם שפּיעגעל „ברודער לעבען! זאָג,
אין וואָס בעשטעהט דיין גרויסע, וואונדערבּארע קראפט,
וואָס דו האָסט זיך אזויפיעל אָנהעננגער פערשאפט,
און יעדער איינער קוקט אריין אין דיר, כאָטש צוויי דריי מאָל א טאָג?
ווען איך זאָל אויך פערמאָגען דאָ אזוי פיעל פּאַטריאָטען,
וואָלט שוין די וועלט בעפרייעט געוועז פון מאסען אידיאָטען.״

„כא! כא! וואָס טויג דער מענשהייט דיין ליטעראטור?
האָט באַלד דער שפּיגעל ציניש זיך צולאכט.
מיין אונטערשלאָג האָט מיך עם פּאָפּולער געמאַכט:
די מענשען האָבען דארט דערשמעקט א גוטען שפּור...
זיי ווייסען, ריינע זילבער ליגט אונטער׳ן גלאָז ביי מיר,
דאגעגען אונטער דיינע אותיות, איז איינפאכע פּאפּיער...

אייער חכמה, שכל, האָבען דאָ די מעהרסטע פיינד
האָט נור זילבער און איהר האָט מיליאָנען פריינד.

# די באַרשט און די קאַם.

די באַרשט געקוקט האָט אויף דער קאַם פון אויב'ן אַראָפּ.
„ווי ווייניג צייהן דו האַסט, מאַדאַם,
איין שורה בלויז און שיטער אַזוי סתם,
איך ווייס ניט וואָס פאַר נוצען ס'האָט פון דיר דער קאָפּ:
זעהסטו איך, בין רייכער פיעל פון דיר, פריינדינע!
ד'האָב אַ וואַלד מיט האָהר אויף זיך, אַ גאַנצע מדינה."

„איך לאַך מיך אויס פון דיינע חזיר'שע עשירות!"
די קאַם אַרויסגעמורמעלט האָט פון צווישען איהרע צייהן,
„פּערגעס נור ניט דעם מקור פון דיין רייכטהום —
ווייסט עס דאָך אַליין!
ס'איז „חזיר־האָהר!" עס עקעלט מיך ווען איך בעריהר עס.
ליעבערשט וועל איך ליידען אָרימקייט, זיך דאַרפען שעהמען,
איידער פון אַ דבר־אחר עטוואָס נעהמען."

די קאַם האָט רעכט! נגידות וועלכע שטאַמט פון „חזיריי",
איז גאַר אין גאַנצען האָבען ניט כדאי...

# דער אומרוה.

„טיק, טאק! טיק, טאק!
וואס, האב איך אט דערפון א שטייגער?”
געפרעגט בײ'ב אומרוה האט דער זייגער.
„איך פיהל ניט אין דיין קלאפעריי קיין שום געשמאק,
דו שאקעלסט זיך, ביזט נע ונד, דו דולסט מיר נור מיין מח:
צו אויסשטעהן דיעזע מאנאטאנע קלאפעניש, ווער האט עס כח?

„דו נארישע מאשינקע!” האט דער אומרוה איהם ערקלעהרט.
„ס'געפעלט דיר ניט מיין שאקלען זיך, מיין טיק, טיק, טיק!
—מיין טהעטיגקייט, מיין קלאפען ברענגט דיר אבער גליק.
זוען איך בלייב שטעהן, פערלירסטו דאך דיין גאנצען ווערטה:
מען ווייסט שוין איבעראל, אין אלע הייזער,
קוים שטעהט דער אומרוה, קוקט מען גארניט אויף דעם ווייזער.”

דער מענש האט אויך אן אומרוה, זיין געוויסען,
און מערקט מען, אייער אומרוה קלאפט ניט, וויל מען שוין פון
אייך ניט וויסען.

# דער אויווען און דער אייז־באקס. *)

דער אויווען און דער אייז־באקס האבען דיסקוטירט,
פון ביידען, ווער איז וויכטיגער דא אויף דער וועלט,
דער ערשטער מיט זיין פייער, צו דער צווייטער מיט זיין קעלט?
„דער וויכטיגסטער בין איך!" האט זיך געהיצט דער אויווען
און ארגומענטירט.
„אלע ווייסען, אז די וועלט האט ליעב צו עסען טוואם רעכטס,
און עס גיט קיין בעסערס פון א ביסעלע געקעכץ!"
אויף דעם, דער אייז־באקס, האט ערווידערט מיט א קאלטען שטאך:
ד'גיב צו, דיין ארבייט ווערט געריהמט פון מענער און פון פרויען.
דאך, וויל דיר קיינער, ברודערקע, ניט טרויען,
עס היט דיך ווי דעם ערגסטען גנב, קעכערין און קאך,
דו פערברענסט די בעסטע שפייזען, אהן רחמנות,
זעהסטו, מיר, געטרויט מען אלעס אויף נאמנות!"

מאנכען נוצליכען און וויכטיגען בעל טובה,
דארף מען היטען, ער זאל ניט בעגעהן די גרעסטע גנבה! . . .



*) אייז־קאסטען.

## די טאָרבע און דער געלד־זאַק.

די בעטלער־טאָרבע האָט געזאָגט צום געלד־זאק אויף'ן וועג,
מאַרשירענדיג צוזאמען צום יריד:
„דער יעניגער וואָס טראגט דיך, מוז זיין שרעקליך מיעד,
און ברענגען דיך צום פלאץ וועט דויערן ביי איהם פיעל טעג;
ביזט אָנגעפּאקט מיט גאלד, ס'מוז שווער זיין דיך צו טראגען,
אָט איך בין פּוסט און לייכט, דו וועסט מיך זיכער ניט דעריאָגען.“

נור וואונדער! ס'האָט פּאסירט גאר פונקט פערקעהרט,
דער געלד־זאק איז געקומען צו'ם יריד אין צייט,
די טאָרבע, גראדע, איז פערבליבען הינטער איהם גאנץ ווייט,
ס'איז אויך דאָרט ניט געוועזן קיין גליק־זאך, קיין בעשערט,
דער געלד־זאק האָט בעקומען פיעל ארויסהעלפער און גוטע עצות,
די טאָרבע אָבער, האָט געשלעפּט זיך לאנגזאם אויף דעם
בעטלער'ס פּלייצעס.

ס'אַן אלטער כלל, בעקאנט צו גאר דער וועלט,
די פּוסטע טאָרבע שווערער איז צו טראגען ווי דעם זאק מיט געלט.

# דער וואָגען און דער בייסיקעל. *)

„כאַ ! כאַ ! עס פּלאַצען מיר די רעדער פאַר געלעכטער !"
האָט דער וואָגען זיך געקאַטשעט אויף'ן קול,
ווען ער האָט דעם „בייסיקעל" ערבּליקט צום ערשטען מאָהל.
„הפּנים דיך געמאַכט האָט א בעל מלאכה נאַר א רעכטער !
ווי קען זיך נאַר אויף דיר געפינען ווען א בעלן,
מען פיהרט דיך נעבּאַך פאַר די הענטלאַך, זאָלסט א ל י י ן
ניט פאַלען ?"

„אַזוי נאַר ? דו ביזט נאָך דער חכם, ווייל דו קריכסט אויף אַלע פיער ?"
האָט דער בייסיקעל צו איהם געזאָגט
און זיך שטאַרק צויאָגט.
דו זעהסט, אָט איך אויף צוויי, לויף שנעלער נאָך פון דיר,
און מאַך מיך ניט דאַבּיי, ווי דו, צום שפּאַס,
געפיהרט צו ווערען פון א פערד אין מיטען גאַס ! . . . "

לאַכט ניט פון די נייע זאַכען דאָ אויף גאָטעס ערד,
ווייל דאַס אַלטע ווערט גאַנץ־אָפּט געפיהרט פון פערד.



*) וועלאָכיפּעד.

# דער שטורם און די זון.

דער שטורם האָט געדונערט און געקראַכט:
,,די גוטע זון איז הינטער מיינע וואָלקענס יעצט געבּליבּען,
מיין כמאַרע, דונערען און בּליצען האָבּען זי פערטריבּען;
ניטאָ שוין מעהר קיין שטילע ליכט. נור שטורעמס רויהע מאַכט.
אוים מיט זאַנפטע שטראַהלען! אַלעס בּלייבּט פערשלונגען
אין די דונערענדע וואָלקענס מיט די פייערדיגע צונגען!"

צושפּאַלטענדיג די כמאַרעס האָט בּעוויזען זיך אַ שטאַהל
און שמייכלענדיג געזאָגט: איך וויים עס קלאָהר,
דער שטורם איז געקומען דאָ אויף קורצע יאָהר,
ווייל ענדליך מוז דאָ שטום ווערען דער דונערס קנאַל.
עס וועט אָבּשטאַרבּען די רויהע קראַפט מיט איהר האַרמידער,
ס'וועט דער הימעל ווערען לויטער בּאַלד, די זון וועט שיינען ווידער.

מלחמה־שטורמים, שוואַרצע כחות קענען אייבּיג ניט רעגירען,
די זון פון פריעדען און פון ליכט, מוז ענדליך זיעגען, טריאומפּירען.

## דער פאַרהאַנג און דער האַנד־טוך.

דער פארהאנג מיט'ן האנד־טוך זאלבאנאנד,
האָבען זיך געטראָפען אין דעם וואש־טאָפּ, אויף דער קיך
און דער ערשטער האָט דעם צווייטען אבגעשטופּט פון זיך.
„אוועק! דו שמוציגער שטיק האנדטוך, שמאָך און שאנד!
וואָרום בין איך ניט איינגעשמוצט אזוי פאסקודנע?
עס כאַפּט אַן עקעל קוקענדיג אויף דיר, עס ווערט מיר נודנע!"

אויף דעם ערווידערט האָט דער האנדטוך, איהם: „מיין הערר!
לויט דיין אויסקוק, — ד'זעה דו ביזט א ביסעל נור פערשטויבט, —
צייגט עס, אז דו האָסט גאר ניט געארבייט איבערהויפּט,
האָסט אנדערע געלאָזען טהון וואָס שמוציג איז און שווער,
דו האָסט געוואָלט פערהיטען דיין קאַפּאַטע,
נו זעהסטו דאָך דעם סוף, ביזט אויך אריינגעפאלען אין דער בלאָטע."

פון דער פעסט וואָס ווערט ענטוויקעלט אין די אָרימע קווארטאלען,
מוזען ענדליך אויך די רייכע לעדיג־געהער פאלען.

# דער טאָפּ און דאָס וואַסער.

דער טאָפּ ענטשולדיגט האָט זיך פאַר דאָס הייסע וואַסער:
„דו מעגסט מיר גלויבען, טהייערינקער שכן!
ניט איך, האָב דיך געמאַכט צום זידען און צום קאָכען.
פון דיינע צרות דאָ, ניט איך בין דער ערפינדער און פערפאַסער;
אַליין בין איך אַ דיענער בלויז אַ טרייער,
און ד'לייד דאָך אויך פון'ם זעלבען בעל הבית, דעם בייזען פייער."

„נו־יאָ! דו ליידעסט אויך, ס'איז ריכטיג."
דאָס וואַסער האָט ערווידערט בייז,
„אָהן דיר, שטיק לייהם וואָלט איך שוין אָבער לאַנג זיין לויז.
ווייל דו ביזט פאַר'ן בעל הבית, שוין צופיעל וויכטיג,
ווען דו אין דיינע ווענטלאַך האָלסט מיך ניט געשלאָסען,
וואָלט איך איהם לאַנג שוין אָבגעגאָסען און פערלאָשען."

ווען ניט די טרייע דיענער, די אָרמען גוט־אָרגאַניזירט,
קיין קעניג, קיין שום הערשער, וואָלט דאָן לאַנג ניט עקזיסטירט.

# די צוויי פּאָר ברילען.

א טונקעלע פּאָר ברילען, האָבען שטאַרק פערדאַמט די וועלט,
למאי עס פעהלען איהר די ליכטיגע קאָלירען,
„אלעס טונקעל איז!" האָב'ן זיי גענומען קריטיקירען.
„דאָס ליכטיגע, דאָס פרעהליכע, איז ניט צו'ם האָבען, ס'פעהלט,
און איידער אין אזא מין אומעדיגער וועלט צו לעבען,
איז בעסער שוין צום טויט צו שטערבען!"

דאָס געעהרט, האָב'ן העלע ברילען, ביי דער זייט,
„כאַ! כאַ! כאַ!" האָב'ן זיי צולאַכט זיך.
„איהר מוזט זיין משוגע, אויב אייך דאַכט זיך,
אַז אין גאַר דער וועלט, איז פינסטער אומעדיג די גאַנצע צייט,
אַט לעבען מיר דאָך אויך און קענען קוקען פּונקט ווי איהר,
און ס'פעהלט אונז ניט קיין ליכטיגקייט, קיין פרייד,
קיין שום קאָליר."

די ביידע פּאָרלאָך ברילען, זיינען פאָלשטענדיג גערעכט,
די וועלט איז ווי מען קוקט אויף איהר — אי גוט, אי שלעכט!

# דער גוטהערציגער.

א קארגער האט פערזעצט א מאהל
א גאנז אונטער'ן בעט,
געשטאפט עס און געהאדעוועט,
כדי ס'זאל ווערען פעט.
און יעדען מאהל ביים שיטען ווייץ,
האט ער עס ליעב געגלעט
און צערטליך מיט א שמייכעלע,
האט ער צו דעם גערעדט:
„זעהסטו, ליעבע גענזעלע,
דו האסט פון אלעם גרייט.
איך שיט דיר ווייץ, איך קארג דיר ניט
און עס געזונטערהייט!"
דער זעלבער האט א קאץ געהאט,
געלעבט האט זי אין נויטה,
גע'הרגט זי, גע'מזיק'ט זי,
אט וואו זי שטעהט און געהט.
צו שכנים זי ארומגעשיקט
צו קלייבען ברעקלעך ברויט,
ביז איינמאל ט'מען געפונען זי
בייב טהיר, פון הונגער, טויט.

פיעלע בעלי טובות דא,
האב'ן מיר אויף דער וועלט,
וואס העלפען אייך מכלומרש'ט אוים
און שטיצען אייך מיט געלד.
זיי זוכען נאר די שמאלץ פון אייך
די פעדערען און פוך,
און טויגט איהר ניט אין טאפ אריין,
דאן מעגט איהר געהן צום רוח!

# מבינות.

א חזיר איז אמאל אריין אין גארטען.
ער האט אלעס דורכגעקוקט, געשמעקט,
ביז דער היטער האט איהם צופעליג ענטדעקט
און שנעל ארויסגעטריבען איהם פון דארטען.
דער חזיר האט נאכהער פון דיעזען פאל,
דאס פאלגענדע דערצעהלט ביי זיך אין שטאל:

„אך ברידער! לעבען טאקע זאל נור אונזער חזיר'שער קאטוך!
לעצטענס האב איך א פארנאכט,
אין דעם וויינגארטען א ביסעלע פערבראכט,
בין איך דארט שיער ניט אומגעקומען פון דעם שרעקליכען גערוך,
די טרויבען און די אפאלסינעס האבען ־ארט די לופט
אזוי פערדארבען,
אז ווען דער היטערווארפט מיך ניט ארויס, וואלט איך
געשטארבען!"

אויף וויינטרויבען און אפעלסינעס,
ניט פרעגט ביים חזיר קיין מבינות.

# דער אלף־בית און דער נאָטען־בלאט

דער אלף־בית בעריהמט האט זיך מיט גאוה,
אז די אותיות, אין ווערטער אלערליי, צושטעלט,
דריקען אויס בוכשטעבליך אלעם אין דער וועלט,
סיי קונסט, סיי וויסענשאפט, סיי טרויער, שרעק, סיי תאוה:
ניטא קיין זאך וואס מענשען פיהלען דא אין לעבען,
דער אלף־בית זאל עס ניט קענען איבערגעבען!

דער נאטען־בלאט האט איהם ערווידערט מיט א ניגון:
„ס'הויבט זיך גאר ניט אז, דו ביסט ניט אלעס,
אין געוויסע פעלע ליידסטו, ברודערקע, פון דלות,
און דיין בעהויפטונג איז במחילה גאר א ליגען,
ביים זינגען איז דער אלף־בית גאר װעניג וואס פערטראטען,
דארט מוזען שוין די מענשען אנקומען צו מיינע נאטען.”

די גרויסע זעלבסט בעריהמעריי איז נור צום לאכען,
ניטא גאר אויף דער וועלט קיין פאלקאמענע זאכען.

# די נאַרישע שעפּעלאך.

א געוויסער סטאַדע שאָף האָט אימיצער דערצעהלט,
אַז א יוניאָן איז דער בעסטער מיטעל געגען שונא:
האָבען זיי זיך באַלד ארגאַניזירט ביז איינע,
און בּאראַנעס אַלס בעאַמטע דאָרט ערוועהלט,
אַלע שאָף צוזאַמענגעקומען האָבען זיך דאָן פערטיג צו מלחמה:
„נידער מיט'ן וואָלף! מיר האָבען איהם יעצט טיעף אין דער אדמה."

האָבען וועלף דערהערט, עס מעקעט וואו א סטאַדע
און גענומען נאָכשפּירען דעם קול,
זיך אריינגעריסען, און ווי יעדען מאָל,
אויסגעכאַפּט די פעטסטע שעפּעלאך דאָרט גראדע,
די בעאַמטע, נעבאך, ווי פון דונערען געטראָפען,
זיינען פייל פון בויגען גלייך די ערשטע נאָך אנטלאָפען.

ס'איז די בעסטע יוניאָן גאָר א קנאָפּע שטיצע,
ווען זי האָט באראַנעס אַלס בעאַמטע אין דער שפּיצע.

# די חופה און דער גט.

די חופה האט געזאגט צו'ם גט: „ביזט העכסט פערדארבען!
וויפיעל איך זאל דיך ניט זידלען איז נאך וועניג,
רק דו זוכט נור צו צושיידען, דאס וואס איך פעראייניג;
און קוים צורייסטו א פאמיליען־לעבען, איז עס ווי געשטארבען.
ס'בלייבען באלד פער'יתומ'טע די קינדער,
אך! דו ביזט א זעהר גרויסער זינדער!"

„אה, שווייג שוין, „הרי־את'ניצע"! ערווידערט האט דער גט.
איך צושייד נור דאס, וואס דו האסט שלעכט געפאארט;
מיר צוליעב האט מאנכער זיך צו מאטערען פערשפאארט,
און מיין צושטערען, פונקט ווי דיין פעראייניגען, איז ניט קיין חטא;
דו, די חופה, ברענגסט אמאל מעהר צער ווי פריידען
מ'דארף דעריבער האבען דא אונז ביידען."

ס'מוז א מיטעל זיין, פעראייניגונג ניט בלייבען זאל געצוואונגען,
ווייל ניט אימער איז פעראייניגונג געלונגען.

## דער ראַב און דער חזיר.

אימיצער געפרעגט האַט ביי דעם ראַב א פראגע:
,,ווי קומט עס צו א פויגעל פון די הויכע ספערען,
וואָס פליהט דאָרט אין די הימלען, נאָהענט צו די שטערען,
זי זאָל זיך ארונטערלאָזען צו אזא מין עקעלהאפטער לאגע?
זיך אוועקצושטעלען גאָר ביי'ן פּראָסטען חזיר אויף'ן רוקען.
ס'איז דאָך טאקי נור צו לויפען אויף חדושים קוקען!"

,,קרא! קרא! קרא!" געענטפערט האָט דער ראַב. ,,איהר מאכט
א טעות, דאָ, במחילה!
איך ראַב און דיעזער חזיר, זיינען קנאפּע מחותנים,
איך שטעה דעריבער אויף זיין רוקען, ד'קען ניט אַנקוקען זיין פּנים,
מיינט ניט אז איך פריינדעל מיך מיט איהם, חלילה!
איך קום גאָר ניט צו איהם אין געסט,
איך פּיק איהם נור דאָ אויס די האָהר, איך דארף זיי פאר מיין נעסט."

דער הויף-געבוירענער וואָס קומט ארונטער צו די מאסען,
בעטראכט זיי אימער נאָך אלס נידעריג, געמיין,
מיט זיי צו חבר'ן זיך האַלט ער פאר ניט שעהן,
ניט מעהר, ער דארף מסתמא רייסען האָהר און שניידען פאסען . . .

## דער קירזשנער.

א מאַן א פּאָפּולערער,
וואָס האָט געהאַט אי שונאים, אי פערעהרער,
געוואָרען איז פון איינעם, א בעל דרשן, קריטיקירט
און כאָטש זיין נאָמען ניט געוואָרען איז דערמאָהנט,
האָט זיך דער אָנגעגריפענער אַליין דערקאַנט
און מיט דעם אָנגרייפער א קריגעריי פערפיהרט.

„סטייטש! וואָרום האָט איהר מיך דאָ בעליידיגט?"
האָט ער זיך צוטענה'עט און פערטהיידיגט,
בעווייזענדיג, אז די קריטיק איז פאַלש און שלעכט.
„ד'בין אסור ווי איהר שטעלט מיך פאָר,
עס הויבּט זיך גאר ניט אָן א האָהר,
איהר האָט מיך אַבּסאָלוט אָהן רעכט,
געקיבּעצט און געשטאָכען,
און ד'פרעג דעריבּער — היתכן? —"

הערענדיג די טענות, האָט דער עולם ערשט דערגאַנגען,
וועמען דער בעל דרשן האָט געציעלט דערלאַנגען...

דער קריטיקער איז ווי א קירזשנער אַקוראַט,
ער אַרבּייט היטעלאַך פאַר גאַר דער וועלט,
ער דאַרף זיין אַרבּייט מאַכען קיילעכדיג און גלאַט,
דער פּויער קומט נאָכהער צוגעהן
און קלייבּט זיך אויס זיין היטעל גאַנץ אַליין,
נאַטירליך נעהמט ער נאָך זיין מאָאָס און נאָך זיין געלט...

ווערט קיינמאָל ניט אזוי געהאַסט, ווי ס׳ווערט געהאַסט דער מסור.״

מיט שונאים ווערען מיר אמאָל די בעסטע פריינד
און ווינשען איינס דעם צווייטען אלדאָס גוטס,
דעם מסור אָבער האָב׳ן מיר אימער פיינד,
אפילו דאמאָלסט ווען ער ברענגט מיט זיינע מסירות נוץ . . .

# די צונג.

א צונג, א מענה לשון, האָט געפרעגט א שאלה
בײ דער פמליה דאָרט, של מעלה:
,,וואָרום, ווי אײנער פון די גרעסטע רשעים,
די צונג ווערט אויף דער וועלט בעלײדיגט,
פון קײנעם קײנמאָל ניט פערטהײדיגט?
זי לײדעט דאָך פאר פרעמדע גאָר חטאים!
דער שכל דענקט, דאָס הארץ דיקטירט,
נו זענען דאָך די שולדיגע דער מאָרך און הארץ,
און דאָך מיט פעך און שוועבעל, שוואַרץ,
מען שיט נור אויף דער צונג, מען שעלט זי, קריטיקירט.
מען זאָגט, איך בין א שלאַנג,
אמאָל בין איך צו לאַנג,
א דריטען מאָל — א בײזע,
א פערטען מאָל — א לויזע,
א פינפטען מאָל — א פאַלשע און א כיטרע,
א זעקסטען מאָל — א ביט'רע.
מען זאָגט זאָגאַר, אַז מיר הענגט אָב דאָס לעבען און דער טוידט,
אַז רײדען זאָלען זײ נור, גאָטוניו, צוזעצטערהײט!
נו זאָגט אלײן, ווי קען איך אַזאַ שווערע שטראָף פערטראָגען,
און ווי אַזוי זאָל איך מיך אויף'ן הימעל ניט בעקלאָגען?"

,,גאַנץ ריכטיג!" איז דער ענטפער באלד געקומען.
,,דו קריגסט וואָס דו האָסט זיך אלײן גענומען.
דײן ארבײט איז צו קלאַפּען, באַראַבאַנעווען,
פון אַלעם וואָס די אנד'רע גליעדער פלאַנעווען,
און ס'איז שוין דאָ די וועלט,
אַזוי געשטעלט,
אַז צוואָר דער יעניגער וואָס טהוט כל דבר אסור,

# צווייטע טהייל.

## די פלעדער־מויז.

ווען גאָט אריינגעפיהרט האָט אַלע חיות אין גן עדן,
כדי ציינען זיי צו אדמ'ן און געבען זיי דאָרט נעמען,
די פלעדער־מויז האָט אדם ניט געקענט בענעהמען,
איהר שטאם האָט ער בשום אופן ניט געקענט ענטשיידען.
א פויגעל, דוכט זיך, לויט א סך סמנים,
א מייזעל אָבער, לויט איהר הויט און פנים.

און אדם האָט בעשלאָסען באלד צו אויסגעפינען ריכטיג,
מיט וועמען פיהרט די בחור'טע בעקאַנטשאַפט,
צו וועמען פיהלט זי מעהר פערוואַנדשאַפט:
צי פליהט זי אום ווען פינסטער, צי ווען ליכטיג,
ער האָט נאָכהער געזעהן זי אין א געוויסער קלייזעל
און דאַן מיט זיכערהייט זי פּראָקלאַמירט אלס מייזעל.

דערצעהלט נור ווער איז אייער פריינט,
ט'מען תיכף וויסען ווער איהר זיינט.

# דער פויק און דער גראַגער.

דער פויק וואָס האָט געשפּיעלט אין אַן אָרקעסטער,
האָט דערהערט אום פּורים דאָ אַנומעלט,
ווי דער פּורים-גראַגער שרייט און טומעלט.
„א קאַליקע פון אַלע קאַליקעס דער גרעסטער!"
האָט דער פּויק פון'ם גראַגער אָנגעפאַנגען שפּאָטען.
„דיעזער חברה־מאַן שפּיעלט איינפאַך גאַר אָהן נאָטען."

„גראַ, גראַ!" געענטפערט האָט דער גראַגער,
„ד'מיין, דיין פעל צו גראָב איז, דו זאָלסט ריידען פון מוזיק.
זעה א שפּאַס נור, וואָס פאַר א כלי-זמר דו ביסט אַן אַנטיק!
אַט איך, לכל הפחות, קריך דאָך ניט אין'ם מוזיקאַנטען-לאַגער,
וועהרענד דו, א פּוסטע כלי, שטופּסט זיך צווישען לייטען.
קיין שום וואונדער טאַקע, וואָס דו קריגסט אַזעלכע
בוכצעס אין די זייטען!"

זויסענדיג דעם אייגענעם חסרון,
קען מען זיך פיעל קלעפּ פערשפּאַרען.

# דער סדור און דער מחזור.

„וואונדער איבער וואונדער!" האט געזאגט דער סדור,
„מחזור וועט דער איד אייך זאגען צעהן שטונדען נאכאנאנד,
וועהרענד מיך, דעם סדור, וויל ער ניט ארייננעהמען אין האנד!
איך בין מיט איהם אדרבה און ער מיט מיר איז קידער־וויעדער,
איך פערלאנג פון איהם געצעהלטע תפלות, זאגט ער גארניט,
— יענער האט זיי פעק, זאגט ער אלעס און פערפעלט א האהר ניט!"

„קיין שום וואונדער! האט דער מחזור איהם ערווידערט.
„דיך צופריעדענשטעלען איז פאר איהם דורכאויס אונמעגליך,
דו פערלאנגסט פון איהם א דאוונען דריי מאל טעגליך;
האסט דעם אר'מען אידען צופיעל שוין פער'סדור'ט.
איך, אט זעהסטו, קום צו איהם נור איינמאל יעהרליך,
און דערפאר איז ער אין מיר מתפלל טריי און עהרליך!"

ווען איהר רוקט זיך מיט בקשות דריי מאל אויפ'ן טאג,
ווערט איהר צוגעגעסען, וואכעדיג, איהר האט דעם סדור'ס קלאג...

# די ליכטעל און די הבדלה־ליכט.

א פראסטע ליכטעל האט פון דער הבדלה־ליכט געלאכט:
„דו שיינסט בלויז איינינע מינוטען אין דער וואך,
און באלד פערלעשט מען דיך דערנאך;
וואס טויג א ליבט וואס שיינט מינוטען, בלויז איין נאכט?
אט איך קען שיינען ווען איך וויל,
ד׳קען שיינען יעדע נאכט און שיינען זעהר פיעל!"

„גאנץ־ריכטיג!" האט איהר די הבדלה־ליכט ערווידערט.
„עס נעהמט מיר „שבעה נקייב" ביז איך צינד מיך אן,
אין שבת׳דיגער שטימונג בין איך פריהער א מעת־לעת פערטהון,
ביז ליכטיגקייט מיט מיינע קנויטען זיך פערפרידערט,
דערפאר אבער צוזאמען מיט מיין ליכט קומט גאטעס ווארט,
דאגעגען דו, ברענגסט גארנישט, אויסער עטוואס ליכט פון
דונקעל׳ן סארט!..."

דער „קינסטלער", וועלכער שאפט מיט צופיעל מזל ברכה,
איז מעהרסטענס גאר א פראסטער בעל מלאכה...

# די תקיעות און דער שטן.

די תקיעות האָבּען זיך געטהיילט מיט זייער יחוס.
די שברים האָבּען זיך געריהמט אלס מוזיקאליש-זיס,
די תרועה זאָגט, אין שנעלקייט איז זי רייכער פון זיי אלעמען געווים;
די תקיעה האָט שטאָלצירט, אז זי מאַכט אלעם מעהר בּאריכות;
די תקיעה גדולה האָט שוין גאר פון זיך אזוי געבּלאָזען, אזש נו, נו!
אזא מין יחסנ'טע, כאָטש רייד צו איהר ניט, געה צו איהר ניט צו!

דער שטן איז געשטאַנען דאָרט ניט ווייט.
„קוקט נור אַן די העלדען!" ט'ער געקרימט זיך,
„יעדער איינער בּיז'ן הימעל אזש, בּעריהמט זיך;
זיי שטאַמען פון אַ בּלאָז און מאַכען זיך פאר גאַנצע לייט!
כאַ, כאַ!" און ריידענדיג האָט ער אָהן שהיות
פערשטאָפּט דעם שופר און געמאַכט אַן עק צו אלע תקיעות.

דער מענש דאַרף זיך ניט ריהמען, ניט פעררייסען הויך זיין נאָז,
זיין גאַנצע קראַפט איז אין אַ תקיעה'לע, אַ בּלאָז . . .

# דער בלוטס־טראָפּען.

א פרישע טריפה איי. ארויסגעוואָרפען האָט מען אויף'ן מיסט.
דאָס איי האָט זיך בעליידיגט און גענומען שרייען „קאראַאול!
די רבי'צען מוז איינפאך זיין משוגע, דול,
ארויסצואוואָרפען אזא געלכעל גלאַט אומזיסט, אומנישט!
צוליעב א רויטער פינטעלע האָט דיעזע מכשפה,
ערקלעהרט א פרישע ריינע איי, אלס טריפה!"

א טאָוועל פון א שולחן ערוך, האָט איהר גלייך געענטפערט אויף'ן אָרט:
„דיין פרישקייט און דיין שעהנער געלכעל,
דיין ווייסעל, אונטער דיין אַריסטאָקראטיש־פיינער פעלכעל,
זיי וויסען, טויגען ווירקליך גארניט פאר דער רב'צינס טאָרט,
די תורה פסק'ענט עס בפירוש אט אזוי:
דער קליינינקער בלוטס־טראָפען טריפה מאַכט די גאנצע איי. — "

די גרעסטע זאכען ווערען אָפט צוליעב א קלייניגקייט מכולה,
צוליעב א קליינעם פלעק, פאַלט מאַנכער מענש ארונטער פון זיין גדולה.

## דער לולב און דער אתרוג.

דער לולב און דער אתרוג האבען אנגעפיהרט א כארט דעבאטע.
דאביי, דער לולב האט דעם אתרוג קריטיקירט,
הלמאי ער האלט זיך פאר א יחסן און שטאלצירט,
בעהאלט זיך און פערשטעקט זיך אין א קעסטעלע מיט וואטע,
ער מאכט זיך פאר אזא מין טהייער שטיקעל סחורה,
אט ווי ממש ער זאל פאר גנבים דארפען האבען מורא.

„די דארפסט זיך גאר צו מיר ניט גלייכען, לאנגער רוט!"
געענטפערט האט דער אתרוג זעהר שטאלץ,
„ביזט טרוקען אהן א טעם און ריח, ווי א האלץ,
דו האסט ניט וואס צו אנווערען, דאגעגען ווייסטו גוט,
אז איך פערמאג פיעל זאפט און אויך א פיינעם דופט
און קען עס לייכט פערלירען אויף דער פרייער לופט."

דער איד איז ווי דער אתרוג, צופיעל פרייהייט שאדט איהם,
ער טאהר ניט לעבען ווי דער פרייער לולב ראטה איהם . . .

## דער הימעל־קראַצער און די סוכה.

דער הימעל־קראַצער קוקענדיג פון אויבען,
בעמערקט האָט ערגעץ־ווייט, א סוכה אויף א הויף
און מיינענדיג, אז דאָס איז א געביידע צום פערקויף,
האָט ער זיך אויסגעלאכט און ניט געוואָלט גאר גלויבען,
אז אימיצער זאָל דאָרטען וואָהנען, צאָהלען רענט.
צו אימיצער זאָל וועלען פאר איהר געבען צעהן סענט.

דאָס חוזק מאכען, האָט די סוכה אויסגעהערט געדולדיג
און באַלד געענטפערט: „מיר איז אסור ערגער דאָ, ווי דיר,
דו, מיין פריינד מוזט טראָגען אויף זיך מאַרטגיידזשעס אָהן שיעור,
דאגעגען איך בין ריין און קיינעם גארנישט שולדיג,
ס'איז בעסען קליין זיין, און געדעקט מיט אייגענעם געמיינעם סכך,
ווי גרויס זיין, אָבער איינגעטונקט אין חובות ביז'ן דאך!"

דעם אביון וויל מען טאָקע גארנישט באָרגען,
נו האָט ער ניט דערפאר קיין חובות־זאָרגען.

# די געלע און די גרינע.

די געלע בלעטלאך האבען אויסגעלאכט די גרינע.
„קענטיג איהר זענט נאך ניט לאנג גאר פון דער היים,
ערשט דא אנגעוואקסען אויף'ן בוים,
דערפאר איז צווישען אונז און אייך אזא מין נפקא מינה.
פוי! דאס גרינקייט איז א שרעקליכער חסרון,
גאט צו דאנקען, מיר זענען דערפון שוין לויז געווארען."

אביסעל שפעטער זענען אויך די גרינע בלעטלאך געווארען געל.
איינגעדארט, פערלירענדיג דאביי די זאפט,
האלטענדיג זיך אן דעם בוים מיט זייער לעצטער קראפט
און דאן פערשטאנען האבען זיי, גאנץ שנעל,
אז די געלע, ווען זיי קריטיקירען און בעליידיגען די גרינע,
האבען זיי דערצו קיין אורזאכע, זיי טהוען עס אוים קנאה.

קריטיקירענדיג די ערשט־געקומענע פון קליינע שטעדטלאך,
זענען מאנכע מענשען גראדע אזוי קליינליך ווי די געלע בלעטלאך . . .

# די „בּרית חדשה“ און דער תנ"ך.

די „בּרית חדשה" האָט גערימט זיך אַלס אַ שטיק תנ"ך,
„דער אַלטער טעסטאַמענט און איך, האָט זי ערקלערט,
פון אַלעמען דאָ ווערען גלייך געעהרט.
מיר ביידע זענען איין ערהאַבענע און גרויסע זאַך:
צוויי הייליגקייטען אויסגעבונדען און פערקניפּט צוזאַמען,
ווייל ביידע מיר, פון'ם זעלבען הימעל שטאַמען."

אויף דעם געענטפערט האָט איהר גלייך דער אַלטער טעסטאַמענט:
„נו יאָ, דיין יחוס איז יעצט הויך געשטיגען,
ווייל אימער זעהט מען דיך מיט מיר צוזאַמען ליגען.
בעזונדער אָבער ווען מען נעהמט אונז אין די הענט,
דערזעהט מען טאַקי באַלד ווער ס'קומט פון הימעל
און ווער עס שמעקט מיט אירדישען און פּראָסטען שימעל..."

מאַנכער „יחסן," וועלכער דרעהט זיך כסדר צווישען פיינע לייט,
האָט קיין יחוס-עצמו. ער איז בלויז אַ מכה ביי דער זייט...

## דער אפיקומן און דער חכם.

דער אפיקומן האט געפרעגט א שאלה:
„מען זאגט, די וועלט האלט פון אן עניו, זעהר פיעל:
מען לויבט דעם יעניגען וואס זיצט בעהאלטען אין דער שטיל.
אט איך בעזיין דאך, לכל הדעות, דיעזע מעלה:
איך ליעג פערשטעקט, בעהאלטען אונטער'ן קישען
און קיינער ריהמט מיך נישט, מען וויל פון מיר ניט וויסען?"

אויף דעם געענטפערט האט דער חכם פון ארבעה בנים:
„צו זיין אן עניו איז נאך ניט גענוג,
מען מוז דערצו אויך זיין געראטען, גוט און קלוג,
און דו, מיין גוטער ברודער, האסט קיין פנים,
דערפאר ווייל דו בעהאלטסט זיך סתם,
ניר קומט צו מעלות ביזטו דאך אהן זאלץ, אהן פעפער,
אהן א טעם!"

ניט יעדען עניו דארף די מענשהייט ריהמען,
ווייל בלויז עניוות, איז א קנאפער סמן...

# די מצה און דער מרור.

ליגענדיג צוזאמען אויף׳ן טיש, ביים סדר,
אויסגעלאכט דעם מרור, האט די מצה:
„ביזט א טהייער שטיקעל גרינס, א גרויסע צאצע,
קיינער אבער גלייכט דיך ניט צו עסען. ליידער!
האסטו שוין געזעהן, אימיצער זאל עסען, דיך אליין,
אט אזוי ווי מיך, אהן קיין שום זאך — בלויז חריין?"

אונזער חריין האט באלד אויף דעם געענטפערט, שטארק פערביטערט:
„מצה עסט מען בלויז אכט טעג און דאס איז אויך, באין ברירה,
ווייל מען איז דערצו געצוואונגען פון דער תורה,
(יע, דער איד פאר „כרות יאהרען" נעבאך ציטערט),
איך בין אבער ווילקאמען, די זאך איז קלאהר,
זעהסט דאך, מען געברויכט מיך פרייוויליג דאס גאנצע יאהר..."

דאס פרייוויליגע, ס׳מעג אפילו זיין ניט שטארק געלונגען,
שמעקט בעסער, ווי די בעסטע זאך וואס איז געצוואונגען.

# דער קאָנווערט און דער בריעף.

די בריעף־קאָנווערטען האָבען אנגענומען א בעשלוס,
היות ווי זיי ענטהאלטען דעם אדרעס און אויך די מארקע,
בעדארף עס זיין א ראיה גאָר א שטארקע,
אז נאָר דאָס פּאָסט־געשעפט געטריבען ווערט אין זייער זכות,
דאָס שטיק פּאפּיר'ל אינוועניג האָט קיין שום ווערטה,
ס'איז בלויז צו'ם אויספילען און שטייפער מאכען דעם קאָנווערט.

א בריעף, וואָס האָט אין זיך ענטהאלטען לאָגיק און פערשטאנד,
צולאכט האָט זיך פון דער קאָנווערטען־פּלוידעריי
און גלייך בעמערקט: „ס'איז פּוסטע זעלבסט־בעריהמעריי!
קאָנווערטען פיהרען בריעף פון שטאָדט צו שטאָדט, פון לאנד צו לאנד,
און דיענען אלזא נור, אלס פּראָסטע זעק,
והראיה, ווי נור מ'נעהמט ארויס דאָס בריוועל, ווארפט מען
זיי אוועק!"

אויך דער סוף פון'ם קערפּער, איבערצייגט אונז און בעווייזט,
אז ער איז א פּראָסטער זאק נור, דער קאָנווערט פון'ם גייסט...

# ל״ג בעומר און חצי אלול.

ל״ג בעומר האט זיך איינמאל שטארק בעריהמט,
אז ער איז פון די גרעסטע מיוחסים,
נאך גרעסער פון יום-טובים און שבתים,
והראיה אויף ל״ג בעומר ווערען יעדען יאהר בעשטימט
פיעל מעהר חופות, ווי אויף אירגענד וועלכען טאג,
טראץ דעם פאקט, וואס ער בעלאנגט צו ספירה, צו די טעג פון קלאג

אויף דעם געענטפערט האט דער חצי אלול דורכ׳ן שופר,
„תקיעה, שברים, תרועה! עס איז נאך א גרויסע שאלה,
אויב צו הייראטהען אין פריהלינג איז א מעלה,
צו צעהלען „ספירה״ ביז דער חופה, איז גאר מעשה לויפער . . .
הייראטהען איז גוט אין אלול, אין די טעג פון מורא,
אבער זיכער ניט ווען אלעס איז נאך גרין, פאר מתן תורה״ . . .

דאס הייראטהען איז ריזיקאליש סיי ל״ג בעומר, סיי צו תקיעות,
נור „גרינערהייט״ און כאפענדיג, ז׳עס אפטמאל מיאוס . . .

# דער וויין און די חרוסת.

„זאָג מיר נור, אין וואָס בעשטעהט דיין קראַפט?"
גערפרעגט בײ'ם וויין, האָט די חרוסת.
„מען טרינקט פון דיר בײ'ם סדר, גאַנצע ארבע כוסות.
אַט האָב איך דאָך אויך, א זעהר־געשמאַקע זאַפט.
איך האָב אין זיך אי ניס, אי וויין, אי עפּעל
און קוים וואָס מען פערזוכט פון מיר א מאָהן, א שפּילקע־קעפּעל!"

באַלד דער וויין געענטפערט האָט איהר, שכּור'לאָך, נור קלוג:
„פערשטעהסטו! גראָדע ווייל דו האָסט, אי עפּעלאָך,
אי וויין, אי ניסלאך,
דעריבער טויגסטו ניט! האָסט אָנגעכאַפּט פון אַלץ צוביסלאָך
און דו האָסט ניט פון קיין איינציג זאָך גענוג.
אַט איך האָב אָנהעננער אָהן צאָהל,
דערפאַר, וואָס איך האָב בלויז איין זאַך — מיין אַלקאָהאָל!"

די וועלט בעהערט פיעל מעהר דעם ספּעציאַליסט, דעם פאַך־מאַן,
ווי יענעם, וועלכער ווייס פון אַלץ צו ביסעלאָך, דעם סך־מאַן.

# חזיר־האָהר.

דער חזיר האָט געטרייסט זיך, אז אפילו אידען.
ווע‌לכע קריטיקירען איהם און שמוצען,
ציהען אויך פון איהם גאנץ־גרויסע נוצען:
זיין חזיר־האָהר געברויכען זיי פערשיעדען.
פאר א בערשטעל און פאר דראַטוועס, איז עס שוין ניט טריף
און עס האָט דערפאר ביי אידען, גאר א געוואלדיגען פערקויף.״

א דראַטווע האָט דעם חזיר דורכגעשטאָכען. „הערט נור א המצאה!
חזיר כשר פיסעל! ער איז נאָך ביי זיך געהויבען,
עס איז אָבער אָך און וועה צו זיין בעריהמען זיך און לויבען!
אָט גראָדע ווייל מען קען פון איהם ניט האָבען קיין הנאה,
ווייל זיין פלייש און שמאַלץ איז טריפה גאנץ און גאָר,
זאָגט מען: „גוט איז פון א חזיר אויך א האָהר.״ —

דעם קאַרגען גביר׳ס נדבה, אויב ער האָט זיך שוין אמאָל פערגונען,
ז׳עס כשר, — ווייל א חזיר וואָס ער גיט, איז ווי געפונען . . .

# דער סדור און די ספר תורה.

דער סדור און די ספר תורה האָבען דעבּאַטירט,
(פריינדליך, ניט געקריעגט זיך חס וחלילה!)
וואָס איז בּעסער, בּלעטערען צו גלילה?
דער סדור האָט דאַבּיי מיט זיינע בּלעטלאַך שטאַרק שטאָלצירט.
„בּיי מיר געפינט מען אלעם וואָס מען וויל, אין איין סעקונדע,
דאַגעגען אין דער ספר תורה, דאַרף מען גולל זיין פאַר
יעדער זאַך, א שטונדע."

אויף דעם געקומען איז א תשובה כהלכה:
„יאָ! בּיי מיר געפינען עטוואָס, קומט אָן שווערער,
ווייל דאָס מעהרסטע איז פערוויקעלט ווניגער צי מעהרער,
נור קוים געפינט מען דאָס געזוכטע, מאַכט מען אויף דערויף א בּרכה,
און דאַן, איז זעלטען ווער עס קען דאַ לעזען אין דער תורה,
אין סדור אָבּער איז דאָך יעדער עם הארץ א בּעל קורא!..."

די מעהרסטע ווערק, מיט וועלכע אונזער וועלט בּעדאַרף זיך בּענשען,
געלעזען ווערען און פערשטאַנען פון געצעהלטע מענשען.

# מזרח.

די מזרח־וואַנד פון שוהל האָט גאוה'דיג שטאָלצירט.
„ביי מיר, האָט זי געזאָגט, געפינען זיך די פּני העיר,
דער רב, דער מגיד, יעדער חשוב, יעדער גביר,
דערצו האָט מען מיר אויך דעם ארון קודש פּרעזענטירט,
די איבעריגע ווענט, זאָל גאָט מיך נור ניט שטראָפען,
זיי זענען גאר ניט ווערטה, דער מערב, דרום און דער צפון."

„וואָס טויג דיר דאָ אזעלכע נאַרישקייטען בּרייען?"
ערווידערט האָט די מערב־זייט, פערטרויערט.
„דיין פוסטע גאוה מעג מיט רעכט דאָ ווערען שטאַרק בּעדויערט,
בּיזט ניט קיין מזרח, רייד זיך גאר ניט איין אזעלכע שטות'ערייען.
וואָס וואָלט דען אזוי געקלאָגט דער נביא,
ווען דעם אידענ'ס מזרח זאָל ניט ליגען בּיי דעם כותל המערבי?"

זינט דער איד פערלאָרען האָט זיין לאנד, זיין טראָהן,
גיט עס ניט פאר איהם אין גלות קיין שוב אויבּען אָן.

## דער עלעפאנט.

די ווילדע חיות האבען פון דעם עלעפאנט געשפאסט,
איהם קריטיקירט, מיט זידלעריי בעגעגנט און בעגלייט איהם,
היות דער חברה־מאן בעזיצט א מאדנע־לאנגען חוטם,
דערצו פערדיענט ער סתם צו ווערען איבעראל געהאסט,
ווי גרוים ער איז, פערמאגט ער ניט קיין ברעקעל מוטה,
פערצוקט קיין לעמעלע זאגאר, אנטלויפט פון בלוט!"

דער עלעפאנט געשאקעלט האט זיין קאפ, א ווײלע זיך פערטראכט,
און דאן ארויסגעברומט: „איך דענק איהר זענט נאך מיר מקנא,
ס'פערדריסט אייך, למאי איהר מוזט מיר אפטמאל זאגען
„פראשע פאנע!"
ווייל כאטש אהן רויבער־נעגעל, בין איך צווישען אייך א שטארקע מאכט,
נור וועגען נאז וואס הענגט מיר דא פון פארענט ווי א צאפ,
איז מילא! האב איך דאך דערפאר דעם גרעסטען
שטארקסטען קאפ! . . ."

דער איד איז ווי דער עלעפאנט, ער הערט די זעלבע טענות
און גיט אויך פונקט די זעלבע מענות . . .

# די שוועבעלאך און די ליכט.

געוויסע שוועבעלאך, מיט קעפלאך רויטינקע און קליינע,
האבען מיט אן אונערהערטער חוצפה פראקלאמירט,
אז דאס קעפעל בלויז צוליעב דעם צינדהאלץ עקזיסטירט:
אליין איז זי ניט וויכטיג און א קנאפע גאר מורנו.
והראיה, ווי דער צינד־האלץ ברענט נור אפ,
ווערט דאס קעפעל גלייך פערשוואונדען, ס'באלט אראפ.

א שטיקעל ליכטעל צאנקענדיג, האט אויפגעבליצט אויף'ם ניי:
„אך! וואס רויטע קעפלאך קענען איינריידען זיך! משוגעים!
אט צוליעב דער קעפעל מאקי, מאכט מען דאך די שוועבעלאך,
איהר פראים!
אהן פאספאר, זענט איהר דאך ניט ווערטה קיין שפיי!
ווי נור ס'רייבט זיך אב דאס קעפעל, איז אן עק צו אייער שטאלץ,
איהר פערבלייבט דאן ווערטהלאזע און אבגעברענטע
שטיקלאך האלץ."

פון דעם שטאנדפונקט פון דער ליכט, ערקלעהרט עס זיך גאנץ גלאט,
אז געוויסע רויטע קעפלאך לערנען פאלש דעם פשט . . .

# אמת און שקר.

דער שקר האָט אַמאָל געפרעגט אַ פראַגע בײַ דעם אמת:
„ווי ווייסען עס די מענשען אונז צו אונטערשיידען?
מען כאַפּט מיך אימער פאַרן האַנד בײַם ריידען,
עס העלפט ניט ווי איך זאָל ניט אויסאַרבייטען מיינע טהעמעס.
יעדער ליגען מיינער, ווערט בעגריפען,
ד'מעג עס מאַכען ווי אַ קינסטלער, דורך און דורך געשליפען!"

„די אותיות בײַ דיר פעררעטהען דיך", דער אמת האָט צולאַכט זיך.
„אַ „שין", אַ „קוף", אַ „ריש", דו שיסט מיט
הונדערטער דיין בלאָף, *)
בײַ מיר, דאַגעגען, זעהט מען אַ „אלף" אַן אַ „תיו",
אַ מאָל איז איינס, אַ מאָל פיער הונדערט, ווי עס מאַכט זיך,
איך בין ניט פּערפּוצט און ניט געשליפען, רוי און גאַנץ,
ווערענד דו ביזט אימער צוגעפאַרבּט מיט פאַלשען גלאַנץ."

דער שקר רעדט געקינצעלט און כסדר מיט גוזמאות,
דערפאַר דערקענט מען איהם גאַר אָהן שום טעות.



*) ליגען.

## צווישען מלאכים.

„א מאָדנע זאַך אַט דיעזע שוהלען!״ האָט געזאָגט מיכאל,
„מען קומט דאָרט בעטען גליק און יאָהרען גאָר אויף נאָטען,
מען זאָגט „ונתנה תוקף״ מיט א ניגון פון די גונענאָטען,
אזעלכע פלעצער זעהט מען נור ביים פאָלק ישראל.
איז עס שוהלען, דאן וואס פאדערט מען ביים טיהר בילעטען?
איז עס א טהעאַטער,—דאן ווי קומט מען דאָרטען גאָט צו בעטען?״

„ס'איז טראַגיש־קאָמיש, האלב־טהעאַטער, האלב א שוהל.״
געענטפערט האָט איהם טרויעריג גבריאל,
„דער איד איז יעצט געוואָרען א „שלומיאל״,
זיין קאָפ איז איהם צודרעהט, זיין שכל דול,
זעהסטו דאָך! די תפלות מאַכט ער מיט טהעאַטער־שטיק מטמא
אויף דער ביהנע ווייעדער, שפיעלען בעלי תפלות פאר איהם דראמא!״

דער איד האָט אלעס, פונקט אזוי ווי יעדעס פאלק,
נור ער צודרעהט די יוצרות, טהוט קיין זאַך מיט טאָלק.

כֿאָ ווי ז'שע קען איך אויפגעבען דאָס אַלעס,
צוליעב א שטיקעל כבוד, שטעלען זיך בדלות?"

ד.

די בוימער האָבען תיכף, שנעל
זיך אדרעסירט,
צום פייגענבוים און אויף'ן שטעל
איהם נאָמינירט.
ער אויך, זאָגט: „ניין!
איך קען ניט געהן,
ווי קען איך אויפגעבען די זיסע פייגען
און געהן דאָרט שאָקלען זיך מיט טרוק'נע צווייגען?"

ה.

צום וויינשטאָק, דאמאָלסט, זענען זיי אוועק.
„די האָפנונג איז דורכאויס אויף דיר,
קום דיען דעם גרויסארטיגען צוועק,
אויף אונז רעגיער!"
„ס'וועט קיינמאָל זיין!
איך וועל מיין וויין ..
ניט אויפגעבען און געהן אויף אייך רעגיערען!"
האָט אויך דער וויינשטאָק ניט געלאָזען זיך פערפיהרען.

ו.

אוועק די בוימער זיינען דאן,
צום שטעכעדיגען דאָרן.
„פילייכט וואָלסט דו, לויט אונזער פלאן,

# דער דאָרן.

(פאבעל פון תנ"ך מיט א מאָדערנער מאָראל)

א.

דער פּיאַנצען־וועלט האָט זיך פערגלוכט
צו האָבען א רעגיערער,
אלס גוטען, בּראַווען פיהרער,
אין וואלד,
איז באלד
א זוכעניש געוואָרען אויף א קעניג,
צו וועמען אלע בּוימער, זיין זאָל'ן אונטערטהעניג.

ב.

צוערשט, צום אוילבּערט־בּוים, האָבּ'ן זיי גערעדט
און איהם דעם פּלאַן ערקלעהרט,
„קום ווער בּיי אונז אין וואלד, „זיין האָהייט" און „מייעסטעט".
ס'איז דיר בּעשערט,
אָט טאָקי שוין,
נעהם אָן די קרוין,
ווער קעניג איבּער אונז, דיין פאָלק
און פיהר די בּוימערישע מלוכה מיט א כּאָלק.

ג.

דער אוילבּערט־בּוים, האָט זיך זאַפּאָרט
דערפון ענטזאגט.
„ניין בּרידער! ד'ריהר מיך ניט פון אָרט,
ס'וואָלט צופיעל זיין געוואגט.
מיין בּוימעל פליסט,
א וועלט געניסט,

אַז זעלטען ווען דער אמת'ער אריסטאָקראט,
ווייל זוכען כבוד, עהרע,
אויך קענען מיר א צייכען דאָ בעשטימען,
פאַר אַלע צייטען, אַלע יאָהרען,
וואו ס'ברענט די מדינה, איז א סימן,
אַז דאָרטען האָט רעגיערט א דאַרן . . .

דער קעניג דאַ געוואָרען ?"

און ס'ענטפערט זיי,

דער דאָרן : „ד'גענה !

נור הערט, וואָס איך האָב אייך צו זאָגען,

כדי שפּעטער, זאָלט איהר זיך אויף מיר דאָ ניט בעקלאָגען.

ז.

„אויב ס'פּאַסט באמת, איבער אייך

זאָל איך רעגיערען,

דאַן וועט אונז גוט זיין, אַל'מען גלייך,

מיר וועל'ן זיך אַמוזירען.

נאָר טאָמער ניין,

אויב אייער קרוין,

ניט פּאַסיג איז פאַר מיר און ס'איז א שפּאַס,

דאַן היט זיך בעסער לכתחילה פאַר מיין כעס !

ח.

ווייל אָנצינדען וועל איך מיך מיט א פלאַם

און שיסען מיט א קנאַל,

און אויספּרענגען דעם גאַנצען בוימערישען שטאַם,

פון איבעראַל.

איך זאָג אייך יעצט,

וואָס קומען וועט צו לעצט,

געדענקט אויף וואָס איהר דאַרפט זיך ריכטען,

מיר וועלען איינע ד'אַנדערע פערברענען און פערניכטען."

פון דיעזער פאַבעל, לויט איהר פּראָסטען פּשט,

ערלערנען מיר א לעהרע,

# דער פּורים־קוילעטש און דער המן־טאַש.

דער המן־טאַש געזאָגט האָט צו דעם קוילעטש: „ילמדנו!
צו קענסטו, זיידעניו, ניט מאַכען מיר ערקלעהרליך,
ווארום דער גראָגער ליארעמט דאָ אזוי געפעהרליך?
ער רייסט די אויערען, ער טומעלט, שרייעט כסדר „שמע קולנו",
ער לאָזט זיך הערען מעהר פון אלע פּורים'דיגע זאכען,
ס'איז עהרען־וואָרט צו'ם לאַכען!
די קוילעטשען, מיט ראָזינקעס און מאַנדלען, פילט מען אַ,
די המן־טאַשען האָבען אין זיך זיסען האָניג, מאָהן,
די טייגלאך און די מאָהנדעלאך צו עסען איז א מחיה
און קיינער פון אונז מאכט גאר ניט קיין משוגענע העויה;
מיר אלע שווייגען שטיל, מיר ליגען זיך בּהכנעה,
טראָצדעם וואָס אלע לויבען אונז, מען האָט פון אונז הנאה,
טאָ וואָס־זשע יחוס'ט זיך דאָ אזוי שטאַרק דער גראָגער?
מיר דוכט, אז ער בּעלאָנגט גאָר ניט צום שפּייזען־לאגער!"

„מיין קינד!" געענטפערט האָט דער קוילעטש: עס איז וואהר,
דער גראָגער ליארעמט מעהר פון יעדען איינעם,
אָבוואָהל ער בּרענגט קיין בּרעקעל נוץ פאר קיינעם:
ער מאכט די גאַנצע וועלט צום נאַאר.
עס הייסט, אז אלע דארפען נאָך גאָר זיין צופרידען,
ער שרייעט אויף המן'ן, ער קעמפּפט פאָר אידען.
דער אמת אָבער, ווי מיר שיינט, איז ג אָ ר זיין שרייען
צוליעב די צייהנער וואָס ער האָט און וועלכע ווילען קייען."

ניט לאכט פון קוילעטש, ווייל ער איז גערעכט!
דער שרייער, וועלכער טומעלט מעהר ווי יעדער איינער
און קעמפּפט מכלאָמפערשט נור פאר יושר, רעכט,
איז אפטמאָל, רייסט ער זיך נור אויף די צייהנער! . . .

# דער גלאָק און דער שופר.

„באָם! באָם!" געקלונגען אין דער קירכע האָט דער גלאָק.
„אָט זאָל די וועלט אַליין שוין זאָגן, וואָס זי האָט מעהר גערן,
צי מיך, דעם גלאָק, צי דיך, דעם שופר? ווער איז מעהר מ'אַדערן?
צי איך — געגאָסען פון מעטאַלען, אדער דו — א האָרן פון א באָק?
איך וויים ניט אויב די מענשהייט האָט אפילו איינס פראַצענט,
וואָס זאָלען אנערקענען דיך, דעם שופר, אלס מיין קאָנקורענט."

„טואו! טואו!" ערווידערט האָט דער שופר מיט א שברים.
„עס באָמבאָלט זיך ביי דיר, מיין פריינד, א לאַנגע, פרייע צונג,
דעריבער הערט זיך חוצפה'דיג אזוי דיין קלונג,
דיין אידעאַל איז אָבער נאַריש, פוסט און אָרים,
א גאָט געבאָרען פון א בתולה, פוי! דאָס האָט קיין טעם, קיין ריח,
אין הימעל קענסטו ניט אריינגעהן מיט אזא מין למנצח."

געוויסע לאַנגע צינגער ריהמען זיך אלס מאָדערניסטען,
פערטרעטענדיג א לעבערליכען אידעאַל, א פינסטערען, א וויסטען . . .

## דער פּערלאַבּונגס־רינג און די טבעת־קדושין.

„זעה נור ווי מיין דימענט פינקעלט, שפּריצט מיט פייער.״
דער פּערלאַבּונגס־רונג געזאַגט האָט צו׳ם טבעת־קדושין,
„שעהנע מיידלאך זענען גרייט מיך קושען :
איך בּין גליקליך, ווער געשאצט גאנץ טהייער,
דו, מיין פריינד בּעלאַנגסט דאָ צו דער אָפּגעלעבּטער גרופּע,
מן הסתם ווייל דו בּיזט שוין געוועזן אונטער דער חופּה !״

„ניין ! דו בּיזט ניט גליקליך, ווי דו שטעלסט זיך פּאר,״
די טבעת קדושין האָט ערווידערט,
„איך האָב דיינע גליקען דאָ שוין אונטערזוכט, צוגליעדערט,
און איך בּין דיר ניט מקנא אויף א האָהר ;
ד׳וויים דו האָסט א לאָך דאָרט אונטער׳ן דימענט, אונטער׳ן גלאנץ,
ווערענד איך בּין רונד, געזונד און גאנץ״ . . .

אין דעם גליק פון אונפערהייראטע איז שווער צו גלויבּען,
מעהרסטענס איז עס דורכגעפוילט, עס גלאנצט לפנים נור, פון אויבּען...

# דער שוואַרצער פראַק און דער קיטעל.

דער שווארצער פראק דערזעהען האָט דעם ווייסען קיטעל
און אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער.
„כאַ! כאַ! כאַ! ס׳אַ מלבוש ניט קיין שלעכטער,
אין וואָס מען קומט עס אויסבעטען ביי גאָט אַ קוויטעל!
קיין וואונדער וואָס דער איד, אַ שלעכטען מזל האָט, אַ הארטען,
נעקליידט אזוי געמיין, ווי קען ער עטוואָס בעסערס
דען ערווארטען?״

דער קיטעל האָט אויף דעם געהאַט דאָס פאָלגענדע צו זאָגען:
„פאַר דעם בורא דאַרף מען ניט קיין שעהנע קליידער, פוץ,
מ׳דאַרף נור שטעהן פאַר איהם אין ווייסען, ריין פון שמוץ,
הלואי טאַקע וואָלט יעדער איד בלויז מיך געטראָגען!
די צרה איז, וואָס איך, דער ריינער ווייסער מאַנטעל,
פערביטען ווער אויף דיר, דעם פוסטען פראַנטעל.״

דער איד זאָל היילינג האַלטען ז י י נ ס, און לויט דער מאָדע זיך ניט בייטען
וואָלט ער געהאַט אַ גוטען קוויטעל, ווי ביי לייטען . . .

# די כפרות.

די היהנער, ליגענדיג געבונדען, האבען זיך געפרעהט.
די מענשען האבען זיי פארטאג ארויסגענומען פון קאטוך,
געציינט זיי שעהנע זאכען אין א רעליגיעזען בוך
און ליעבליך ארום קאפ ביי זיך, א צוויי־דריי מאל געדרעהט;
מען האט דערמאהנט פאר זיי א „לחיים טובים ולשלום",
דאס אלעס האט געקלונגען עפעס ווי א זיסער חלום.

אן אלטער האן, דערהערענדיג עס, האט גענומען קרעהען.
„אקוקורעקו! שוועסטערלאך, איהר זענט אויף גרויסע צרות,
איך וויים שוין, מ'האט דא אבגעשלאגען יעצט מיט אייך כפרות;
זיי האבען אייך מיט גוטע רייד, די קעפ געוואלט פערדרעהען;
אט יענע שערנע ווערטער, די פערשפרעכונגען די זיסע,
בעדייטען קיין שום אנדער זאך, ווי אייער יום המיתה."

דרעהט אייך אימיצער דעב קאפ מיט חיים טובים,— איז עס אפט א צרה
היט זיך איהר זאלט נור ניט ווערען זיין כפרה . . .

# די אָבּגעשמיסענע הושענא.

אַן אָבּגעשמיסענע הושענא אויף'ן מיסט,
האָט זעהר שטאַרק געריהמט איהר יחוס,
דערצעהלענדיג, אַז מיט'ן לולב איז זי ערשט געווען בסמיכות
און יעדערען האָט זי דעריבּער קאַלט בּעגריסט,
ווי איינער זאָגט: „ר' קרוב, כאַפּט זיך ניט, פּאַוואָליע!
פּערגעסט ניט, אַז איך האָבּ געשפּיעלט א גרויסע ראָליע!“

א ריטעל פון א בּעזים האָט איהר גלייך געשטעלט א פראַגע:
„ווי בּאַלד דו האָסט זיך שוין אַרויפגעאַרבּייט אויף א גוטער צייט,
געזעסען צווישען הויך געבּילדעטע און פיינע לייט,
טאָ ווי־זשע קומסטו דאָס אַצינד צו דיעזער לאַגע?
מסתמא האָט מען אויסגעפונען אַז דו פּאַסט ניט פאַר דיין זיץ,
דער לולב איז געבּליבּען לולב, ווערענד דו בּעקומען
האָסט די שמיץ.“

קוים זענט איהר אַרויסגעוואָרפען און געשמיסען,
וויל די וועלט פון אייער אַלטען יחוס מעהר ניט וויסען.

## די בעסטע תפלה.

די תפלות פון דעם מחזור האָבען זיך פערזאמעלט אין א כאָהר
און גענומען רייסען זיך און קריעגען,
יעדע איינע געוואָלדעוועט אויף איהר בעזונדער נגון,
אַז זי אַליין נור קען דאָ אויסווירקען פאַר אידען א גוט יאָהר.
יעדע איינע האָט זיך אנגעגעבען אַלס די בעסטע,
אַלס די מחזור־מיוחסטע די גרעסטע.

דער חזן הערענדיג די קריעגעריי,
האָט זיך גלייך אריינגעמישט און פאָלגענדעס ערקלעהרט :
,,קינדערלאַך ! די תפלה וועמען נאר דער גרעסטער כבוד דאָ געהערט,
וועל א י ך אייך אַנצייגען, אַט שטעהט זי דאָ דערביי :
זעהט ! זי לאַכט זיך אויס פון דעם ,,המלך" מיט דעם ,,שוכן עד"
און זי קריגט דאָס בעסטע קוויטעלע, זי הייסט — האוחז ביד —..."

די בעסטע תפלה אויב איהר האָט ניט יענעם פעסט אין האנד,
איז גארנישט ווערטה, ס'איז בלויז געטענה'עט צו דער וואנד.

# שבת און זונטאָג.

דער זונטאָג האָט דעם שבת אויסגעשטעלט א צונג.
„אהאָ! נו ווער האָט אויסגעפיהרט דאָ ענדליך, איך צו דו?
דער זונטאָג איז אָפיציעל געוואָרען יעצט דער טאָג פון רוה,
און וויים ווער עלטער איז, ניט זיין קיין וואוילער יונג!
גאָר שבת־קודש רוף איהם אָן! א קלאָג צו דיינע יאָהרען!...
געלויבט איז יעזוס! ענדליך האָסטו יעצט דיין גאנצע
הייליגקייט פערלאָרען.“

„כל מקדש שביעי, קען דעם טאָג ניט אויסקלייבען כראוי לו“,
דער שבת האָט איהם אָבגעענטפערט זינגענדיג די זמירות,
„אויב איינער האלט דעם זונטאג, רוהט ער אוים די ביינער גלאט אזוי,
קיין קדושה האָט עס ניט, פון גאָט בעקומט ער ניט קיין שבירות,
דער רוה־טאָג קען זיך זיין א מיטוואָך, ער איז ניט קיין מיוחס,
די קדושה אָבער בלייבט ביי'ם שבת, ווייל ער איז
געהייליגט אין די לוחות“.

פיעלע זאכען וועלכע זיינען אנערקענט, אָפיציעל,
זיינען אין דער ווירקליכקייט ניט שטאַרק ראַיעל.

# די הגדה און די קניידלאַך.

די הגדה האָט זיך שטאָלץ בעריהמט,
אַז די קניידלאַך דארפען א י ה ר זיין דאנקבאר,
ז י האָט זיי געמאַכט בּיי אידען גאנגבּאר;
אָלס א פסח־מאכל, זיי בעשטימט.
ווען אַ איד וואָלט די הגדה קיין מאָל זאָגען,
וואָלט דעם טעם פון קניידלאַך, ניט געוואוסט זיין מאָגען.

„מומינקע!״ געענטפערט האָט א קניידעל איהר, א פעטע.
„לויט ווי איך פערשטעה, איז די געשיכטע גאר פערקעהרט,
אונז צוליעב נור, די הגדה פּאָפּולערער ווערט,
און איך מאַך מיט דיר אט די מינוט א וועטע,
זאָלען קניידלאַך נור ארויסגעהן פון דער מאָדע,
וואָלט דאן קיינער מעהר ניט זאגען די הגדה.״

מאַנכער אידעאלער מענש, איז גאר ניט אזוי עהרליך, ערעל,
זאָגענדיג פאַר איך הגדה, מיינט ער פשוט נור די קניידעל . . .

# די שוואלבען און די גענז.

ענדע זומער, ווען די ווינטען האבען אנגעפאנגען בלאזען,
פעררופען אז אסיפה האבען די מיליאנען שוואלבען
און גלייך בעשלאסען דארט, אז אויף א יאהר א האלבען,
זאלען זיי די אלע קאלטע געגענדען פערלאזען.
„ציוו, ציוו, ציוו!" געהערט האט מען א שוואלב דעם
עולם אדרעסירען
און זאפארט נאך דרום האט די גאנצע מחנה אנגעפאנגען עמיגרירען.

אויך די גענז געהאלטען האבען אן אסיפה וועגען'ם זעלבען ענין,
צו פליהען אין די דרום־לענדער וואו ס'איז ווארעם,
נור באלד געווארען איז א מורא'דיגער טומעל און א ליארעם,
ווער פליהט פריהער? ווער פליהט שפעטער? ווען פליהט אב
דער ערשטער מנין?
און אין פריהלינג ווען די שוואלבען האבען שוין צוריק
גענומען פליהען,
האבען נאך די גענז געריסען זיך די גארגלען און געשריהען.

דער איד מוז ווינטערען אין צרות, ליידען גלות און רדיפות:
ער קען ניט פליהען ווייט, צוליעב די אידיש-גענזענע אסיפות . . .

## דער משומד און דער גר-צדק.

דער משומד האָט געשפּאָסט פון'ם גר:
„דער גאָט פון אידען איז אַ שלעכטער שפּייזער,
דערפאַר אָט וואו נור אַ גר-צדק, געהט ער אום איבּער די הייזער,
אָהן יעזוס קריסטוס און זיין הילפע, פאַלט דאָס לעבען שווער,
איהר גרים ריכט זיך אויס אַ פינסטערע און גוטע קלאָג,
וועהרענד מיר משומדים, לעבען איבּעראל דעם פיינעם טאָג".

דער גר האָט איהם ערווידערט ניט אָהן גאַל:
„דער משומד לעבט אין רייכטהום, ווייל ער האָט זיין גאָט פערקויפט,
דער גר איז אָרים, ווייל ער לאָזט זיין גאָט אויף הפקר און אַנטלויפט,
ער זוכט ניט קיין געשעפטען, נור דעם ריינעם אידעאַל,
ווען ניט דער „גוטער טאָג", ווען ניט דאָס געלד,
וואָלט דאָך קיין איין משומד ניט געווען דאָ אויף דער וועלט!"

פערקויפט נור אייער גאָט, פערשאַכערט דעם געוויסען,
וועט איהר פון צרות און פון דחקות מעהר ניט וויסען.

# דער של יד און דער של ראש.

דער של יד געזאָגט האָט צו'ם של ראש בדרך ווייץ :
„ברודער לעבען, ס'איז אויף דיר א גרויסער צער ;
ביזט ניט צוגעפעסטיגט. עס איז פשוט א געפאהר,
דו זאָלסט זיך דאָ ניט ארונטערגליטשען פון דיין זייץ.
איך, אָט זעהסטו, האָב דערצו, די ריכטיגע רפואה,
איך בין צוגעבונדען פעסט צום האַנד מיט מיין רצועה."

„נאַרישקייטען !" האָט איהם דער של ראש דערלאַנגט צוריק.
„זאָל עס דיר ניט זיין נור צו קיין שאַנד,
דו פערלאָזט זיך נעבאך אויף א פראָסטער האנד,
מוזט דו צובינדען זי כאָטשי מיט א שטריק.
איך, מיין פלאַץ פערבינד ניט און פאל קיינמאָל ניט אראָפּ,
ווייל ד'פערלאָז מיך ניט אויף הענט, נור אויף א קאָפּ."

ס'איז אן אלט בעקאַנטער פאקט,
מיט אן אדעלמאַן בעדארף מען ניט קיין שום קאָנטראַקט.

## די אונערפאהרענע שעפעלאך.

(געווידמעט דעם רעפערענדום פלאן וועגען פאלעסטינא.)

א סטאדע שאף פון פיעלע טויזענד שטיק,
האט זיך אין פעלד געפיטערט
און אנגעפאנגען פיהלען שטארק פערביטערט.
היות, ס'קען קיינער ווערען פעט און דיק
און ס'זאל
כאטש אימיצער פון זיי פערמאגען גוטע וואל,
ס'איז פשוט שענדליך!
און ס'איז די אורזאכע גאנץ־קלאהר פערשטענדליך,
דאס גראז איז שטארק ניט פאסיג פאר די שאף;
די מאגענס פון דער סטאדע,
פערדייען עס ניט, גראדע,
הגם פאר אנדערע ז'עס גוטע שטאף,
ווי למשל, פאר די אקסען, פערד,
וואס אויף דער זעלבער שטיקעל ערד,
זיך פיטערען דערביי
און עסען יעדערער פאר דריי
און לעבען זיך גאנץ גליקלאך און צופריעדען,
אליין די שאף בלויז ליידען
און מ'קען עס לייכט פערמיידען,
דורך געבען זיי א גראז, וואס איז פערשיעדען.
אט דהיינו,
ביים בארג דארט, איז א לאנקע גאר א פיינע,
איז זאל מען דאס פאר זיי בעשטימען —
פאר בלויז די שאף אליין —
עס זאל ניט שטערען זיי קיין שום פארשוין,
וועט דאכאלס יערע שעפעלע זיך קענען ריהמען,

# דער צילינדער־הוט און די יארמולקע.

דער גלאנציגער צילינדער־הוט געטריבען האט אגומעלט שפאס
און אויסגעלאכט די יארמולקע, די קליינע:
„דו ארימע, בטלניש־היטעלע, געמיינע!
עס איז דאך גאר ניט שעהן ארויסצוגעהן מיט דיר אין גאס:
ווערסט געטראגען נור פון תהילים־זאגער און בית עולם קאנדידאטען,
זעהסטו, מיך דא טראגען לעבע־יונגען און אריסטאקראטען!"

אויף דעם, די יארמולקע געענטפערט האט איהם מיט טאלאנט:
„איך קען ניט לייקענען, מען גיט דיר אפ פיעל עהרע,
בעציערסט די רייכסטע בעלער, די סאלאנען, טהעאטערע,
ביזט זעהר זעהר עלעגאנט, דער שטאלץ פון יעדען פראנט,
אבער ניט פערגעס זיך, דו ביזט פוסט פון אויבען ביז אראפ,
ווערענד איך בין אויסגעפילט דורכאוים מיט קאפ!" . . .

עלעגאנץ איז ניט קיין סמן אויף פערשטאנד,
דיעזעביידע מעלות געהען זעלטען האנד אין האנד.

זאל געבען זיך א לאז
צום בארג — צו יענער פיינער לאנקע גראז,
און בע׳קענדיג, דאס היגע לעבען שטארק פערדאכען,
דאן מעג מען זיין,
גאנץ־זיכער ד׳ריין,
אז ס׳וועלען אויך די פאסטוכער ניט שטערען
און פאר דעם וואונש פון גאר דער סטאדע זיך ערקלעהרען.

אזוי האב׳ן פיעלע שאף פילאזאפירט,
נור ס׳האט זיי שטארק פערדראסען,
וואס מ׳קען ניט האנדלען אין דער זאך ענטשלאסען,
צוליעב א טהייל וואס שטערט און פראטעסטירט.
די הינט,
וואס האבען זיך מכמה שנים שוין פערדיענט
די פולסטע רעכטע
און ווערען אנערקענט אלס בירגער עכטע
אין יעדער סטאדע שאף פון גאר דער וועלט,
דערלאזען ניט בשום אופן,
די סטאדע זאל אנטלויפען
צום בארג — ווי דער מאיאריטעט געפעלט.
אט ווי נור מ׳רעדט פון ווערען פריי,
ווערט באלד א גרויס געהאווקעריי,
זיי שרייען: „סטאטום קווא!"
עס זאל די סטאדע בלייבען זיצען דא
און לעבען פריינדליך מיט די גאט׳ס גנבים . . .
און גרויס ווערט דער געטימעל,
זיי בילען ביז צום הימעל,
עס דוקט זיך אויס, עס שרייען טויזענד כלבים.

מיט שמאַלץ און וואַל,
נאָר אָהן אַ צאָהל,
די סטאַדע וועט די וועלט נאָר מאַכען גליקלאַך
און ניט בעשטעהן, ווי יעצט, פון דאַרע, קווארע „שטיקלאַך".

אַזוי געהייסען האָט אָפּיציעל,
די טענה פון די פיהרער,
כאָטש שטיל געטראַכט האָט יעדער פּראָטעסטירער,
אַז חוץ דעם, ווערט דאָ גלאַט פון זיי אַ תל;
מען שלאַגט,
מען בריקעט זיי גאַנץ אָפּט אין זייט, מען טרייבט, מען יאַגט!
די פערד און אָקסען,
(ס'איז איינס פון גאָר די גרעסטע פּאַראַדאָקסען.)
אַליין די גרעסטע, דוכט־זיך,, בהמות אויף דער וועלט,
נור האָבען דוקא שכל
אַ זאָג־טהון: „זייט־זשע מוחל! . . . "
צו יעדער שאָף, וואָס נעבען זיי זיך שטעלט . . .
זיי פרעסען אַלעס אויף אַליין,
דערלאָזען ניט, אַ שאָף זאָל שטעהן,
און אויך אַ כאַפּ טהון וואו אַ גראָז, —
זיי דרעהען תיכף מיט דער נאָז,
און אָפּט דערלאַנגען זיי אויך אין די זייטען.
ערשט דאַן ווען וואָרצלען בלייבען,
ט'מען כלמרשט אייך ניט טרייבען,
נור מ'לאָזט אייך איבער דאָרט אַ פּלאַץ — שוין אַ צוקייעטען . . .
בקיצור,
ס'איז שלעכט און מ'דאַרף וואָס מעהרער אונטערשטיצער,
די גאַנצע סטאַדע שאָף צוזאַמען.

דריטע טהייל.

# פאַבלען אויף דער לינקער זייט

וואס די שטומע בעשעפענישען
לערנען פון אונז מענשען.

נו דענקען
די שעפעלאך, אז ס׳איז בעשערט זיי קרענקען,
ווייל מען קען דאך סתם ניט איגנארירען
אזא מאיאריטעט.
אבוואהל זי איז נאר דום, און ווייסט ניט וואס זי רעדט.
און עס פאלט איהר גאר ניט איין אין די געהירען,
אז זי בעשטעהט
נעצעהלטערהייט,
פון פיעלע טויזענד שאף סימפאטיזירער
און בלויז צוויי אויסגעדארטע כלבים, פראטעסטירער . . .

פון דיעזער פאבעל ווערט פערשטאנען,
אז שרעקען זיך פאר הינט איז ניט כדאי,
זיי קענען האווקען בלויז ביז וואנען
דער צענזוס פון דער סטאדע איז פערביי . . .

# צווישען היהנער.

א מאַן,
(מען זאָגט אַזעלכע זענען היבשלאַך גאָר פאַראַן.)
וואָס איז געווען אין גאַנצען אָהן טאַלאַנט,
צו קיין שום זאַך,
דאָס הייסט גאַנץ־פלאַך,
אין אַלע שׂכל'דיגע, העכערע ענינים,
און ווי ס'איז אונז, די היהנער, גוט בעקאַנט,
בעטיטעלט מען אַזעלכע לייטע אַלס נאַראָנים.
האָט אַלזאָ דיעזער שוטה,
געהאַט, ווי זאָגט מען עס, א פוסטען קאָפּ,
געווען א פּראָסטער גראָבער כלאָפּ,
דערפאַר בעזעסען ט'ער א חוצפּה גאָר א ברייטע,
און אָנגעפאַנגען לויפען אויף באַנקעטען,
אויף מיטינגען און קאָנפערענצען,
און איבעראַל זיך שטעלט ער אונגעבעטען
און האַקט א טשייניק פאַר די „מענצען",
— ער האַלט א „ספּיטש" *) —
אַזוי פלעגט ער די זאַך ערקלעהרען,
און קאָכען זיך מיט היץ,
כאָטש גאָר זיין ריידען איז געווען א וויץ,
ס'פלעגט עקעלהאַפט זיין איהם צו הערען,
דער מאַן האָט ניט געוואוסט לחלוטין וואָס ער רעדט,
געפּלוידערט ווי א גאַלאַנגאַנסקער האָהן,
וואו שׂכל, לאָגיק? ס'הויבט זיך גאָר ניט אָן!
עס האָט פּאַסירט אויף איינעם דאָרטען א באַנקעט,
אַז ס'האָט פון זיינע פוסטע רייד,
א היהנדעל א געבּראָטענס אויף'ן טעלער,
מיט גרויסע צרות און מיט לייד,
קוים איינגעהאַלטען זיך ניט אויסצושיסען א געלעכטער,
אַזאַ מין „ספּיטש" איז עס געווען א שלעכטער!
ביים עולם אָבער ז'עס געווען א קנאַפּער פעהלער,
ווייל פיעלע,
וואָס האָבען מ ע ה ר ע ר שׂכל, זענען שטילע,
זיי שרעקען זיך צו ריידען פאַר אַן עולם,
דעריבער האָבען זיי רעספּעקט,
פאַר יעדערען וואָס האָט קוראַזש,
ארויספּאַקען זיין גייסטיגען באַגאַזש
פאַר אַלעמען און זיך ניט שעהמען,
מען גלייכט די חוצפּה וואָס אין דיעזע לייטע שטעקט.
און בקיצור,
עס האָט דער חוצפּה'דיגער „ספּיטצער",
דער פוסטער און טאַלאַנטלאָזער שטיק גולם,
גאָר אָנגעפאַנגען אַלס א גאַנצער קנאַקער שם'ען,
ער איז א כלל־טהוער, ער טהוט, ער פליהט, ער פאָהרט,
אַלס דעלעגאַט צו קאָנפערענצען און קאָנגרעסען,
(אָט פרעגט איהם בחרם נור מיט וואָס מען דאַרף עס עסען!)
נור באשר, בכן,
דער בחור, זאָגט מען, רעדט גאַנץ שעהן,
כאָטש ס'קלעפּט זיך גאָר ביי איהם א וואָרט ניט צו א וואָרט.

מיר, די היהנער, קענען אָט פון דיעזען פאַל,
אויסקוואַקען א מוסר־השׂכל, א מאָראַל,
אַז מיר דאַרפען זיך ניט שעהמען גאָר מיט אונזער קודקודאַטשען,
געהט נור הערט, ווי מאַנכע „פיהרער" ביי די מענשען קוואַטשען!...



*) א רעדע.

## צווישען פליגען.

זשששששש ! מ'דערצעהלט,
די מענשען פון חולאת'ן,
אז איינמאל האט א מאן וואס היילט
דאס הייסט א חברה־מאן פון יענעם מין,
וואס רופט זיך „דאקטאר מעדיצין"
און ווענען מיר, די פליגען, האסען,
ווייל ווי בעוואוסט,
איז יעדער דאקטאר אונזער שונא,
ס'א באנדע א געמיינע,
וואס האט א לוסט
צו אויסראטען דעם פליגען־שטאם ביז איינע,
האט אלזא יענער קערל,
געהאט א פאציענט
און אפשר גראדע עטליכע אזעלכע,
וואס אויסקורירען זיי ט'ער נעבאך ניט געקענט,
אבוואהל מיט מעסער, האק און שערל,
פרובירט האט ער די קראנקהייט צו געפינען,
געשניטען די חולאים אהן א זינען,
געשטאפט זיי מיט רפואות, וועלכע
אפילו אונזערע א פליעג וואלט ניט בעריהרען,
(מען פלעגט דעם טעם פון סם המות אין זיי שפירען.)
און נאך א לאנגער צייט,
פון זוכען, פארשען און שטודירען,
האט ער ערקלעהרט,
גאר מעשה גרויסער קענער און פערשטעהער,
אז היות ער האט די זאך צוקייט
און זעהט, אז שולדיג זיינען בלויז די פליגען,
וואס פליהען אום אין צימער אונגעשטערט
און לעגען אויף די שפייזען אייער
און שלעפען גלאט אריין א פעסט
פון יעדען שמוציגען מיקראבען־נעסט,
ווייל מיר, (אזוי געלויטעט האט דער ליגען)
פערנעהמען זיך מיט זוכען שפייז אין מיסט
און ס'קלעפט זיך אן פיעל שמוץ אן אונז'רע פיסלאך,
דערנאך פערשפרייטען מיר עס איבעראל צופיסלאך,
און על פי כעמיע
פערורזאכט דאס אן עפידעמיע,
נור, שוועסטערלאך ! דער בלבול איז אומזיסט, אומנישט,
מיר, פליגען, ווייסען דאך דעם אמת,
די שולד איז וועמעס,
די מענשען שטופען אן דעם מאגען
מיט מעהרער שפייז ווי ס'קען פערטראגען,
ווייל קוקט זיך איין,
וואס שפייזען יעדער איינער פרעסט אריין,
ס'וואלט זיין גענוג פאר פליגען א מיליאן,
נור געהט און טענה'ט מיט א דאקטאר,
אז וואס איהם פליהט אריין אין מויל, דאס זאגט ער,
כאטש ס'איז גאר כזב ושקר, ס'הויבט זיך גאר ניט אן !

מיר, די פליגען, קענען אט פון דיעזען פאל,
אויסזשומזשען א מוסר־השכל, א מאראל,
אז אין הלכות קריכען אויף די גלייכע ווענט,
איבערשטייגען די דאקטוירים אונז אויף הונדערטער פראצענט . . . .

# צווישען שלאַנגען.

ששששש ! עס טריפט
פון מויל ביי מיר א בייזער גיפט,
ווען איך דערמאָהן זיך אויף די שלאַנגען־שונאים,
וואָס האָקען אונז איבער'ן קעפּעל,
דערפאַר וואָס אונזער עלטער־באָבע האָט אַן עפּעל,
דערלאַנגט צו זייער מוטער־חוה'ן אין גן עדן,
הפּנים
עס איז דען דאָ מיט וועמען טענה'ען, ריידען ?
מען לערנט זיי שכל,
מען איז זיי מוחל,
דעם דאַנק וואָס קומט דערפאַר אונז, על פּי יושר,
נו ווערען זיי נאָך אונז'רע גרעסטע פּיינד,
און האַסען אונז פון דאַמאָלס אַן ביז היינט,
דער נאָמען ,,שלאַנגען'' איז ביי זיי א שאַנד־פלעק נאר א גרויסער,
זיי שטעמפּלען און בעצייכענען דערמיט,
איעדען אויסוואורף, פּאַראַזיט,
איהם זאָגענדיג מיט גיפט, ,,דו ביזט א שלאַנג !''
נו פרעג איך אייך, איז דאָס א גאַנג ?
גור מילא, ס'איז פערפאַלען !
פון'ם עץ־הדעת אָבער, האָבען זיי דערוויילל געגעסען,
געוואָרען קלוג און מ'דאַרף דאָס ניט פערגעסען,
אַז איצטער מעגען אנדערע ביי זיי שטודירען,
ווי אַנצוגעהן אין לעבען, ווי זיך פיהרען,
אָט נעהמט למשל זייערע מנהגים ביי די וואהלען.
די קאַנדידאַטען,
מיט זייער צינגעלע דעם גלאַטען,
פערפוצען זיך אין שעהנע ,,אישום'' *) גאַר אנטיקען,
פערשפּרעכען יעדען איינעם גוטע זאכען,
און גאַנצע גליקען,
דער איינדרוק וואָס זיי מאַכען,
איז אויסגעצייכענט גוט און שעהן,
ס'געפעלט איעדען איינעם
אין אַלע שטימען פאַר זיי, גרויס און קליין,
נור שפּעטער אָרט דעם קאַנדידאַט פאַר קיינעם,
ער האָט נאָר זיך אליין אין זינען,
ער שלינגט איין אַלעס וואָס ער קען נור דאָרט געפינען,
די וועהלער לאָזען זיך פערנאַרען דורך זיין פאַלשען פּנים,
פערשלינגט ער אַלץ נאָכהער צוליעב זיין אייג'נער נוץ !

מיר, די שלאַנגען, קענען אָט פון דיעזען פאַל,
אויסדרעהען א מוסר־השכל, א מאָראַל,
אַז בכדי צו פאַנגען פיעל קרבנות, לייכט און שנעל,
דאַרף מען זיין דער אייגענטהימער פון א שעהן־פערפוצטער פעל . . .



*) פּראָיעקטען.

# צווישען זשאַבעס.

קווא קווא!
די מעשה, הערט איהר דאָך, ז'געווען אזא.
דערצעהלט האָט דאס א זשאַבע.
א גרויסע און א ריאַבע,
וואָס האָט א צייט געלעבט אין יוניווערזימעט,
געלעגען איז זי, ד'ווייס עס ניט גענוי,
צי אין א פלאַש, צי אין א סלאַי,
ערוואַרטענדיג ביז וואנען א סטודענט
וועט מאַכען מיט איהר עפּעס אַן עקספּירימענט.
און אָט אזוי האָט זי געהערט דאָרט וואָס מען רעדט.
די מענשען, כאַפּעז זאָל זיי נור דער קראָקאָדיל!
אונז פאנגען אָפט אין מאַסען,
צושניידען אונז אויף פּאסען,
דער טייפעל ווייסט זיי וואָס דאָס איז פאר אזא שפּיעל!
די זשאַבע, וועגען וועלכער איך דערצעהל,
האָט גראדע אבגעטאָן זיי א קאַטאָוועס,
(מסתמא טאַקי נור זכות אבות!)
די גאנצע צייט האָט זי געשוויגען, גוט און וואויל,
נור פּונקט אין דעם מאָמענט,
ווען איינער האָט זי שוין געהאַלטען אין די הענט,
איז איהר געלונגען
ארויסגליטשען זיך און האָפּ־האָפּ!
פון אלע טרעפּ אראָפּ,
זי איז געשפּרונגען
ביז וואנען זי איז צו דעם זומפּ, מיט גליק
געקומען אבענד־צייט צוריק
און דאָן האָט זי דאָס אונז אין פריידען
דערצעהלט די דאָזיגע פּאסירונג
פון מענשליכען כאַראַקטער און זיין פיהרונג,
ווי זי געהערט האָט די סטודענטען ריידען.
גערעדט האָט מען פון א פּראָפעסאָר,
דאָס איז אזאַ פּערזאָן,
וואָס איז פון אנדערע פּערזאָנען גרעסער,
ער לערנט דאָרט די מענשען ווי צו לעבען, וואָס צו טהון,
דערפאַר בעקומט ער פון זיי שפּייז צום עסען,
נור דער, פון וועמען ס'ווערט אצונד גערעדט,
האָט זעלבסט פון זיינע אייג'נע רייד געשפּעט,
ער האָט געפּרעדיגט פאר געוויסע אינטערעסען,
בעקומענדיג דערפאַר בעצאָהלט.
און ווען ס'פלעגט איינער שטעלען זיך איהם געגען,
איהם פרעגען,
„פּראָפעסאָר! ווי אזוי איז דאָס געמאָהלט?
ווי קומט איהר גאָר אזוינס צו ריידען?"
פלעגט ער איהם ענטפערען גאַנץ שטיל און מיט א שמייכעל:
„ר' יאָלד, האָט שכל!
די זאך, א סוד זאָל בלייבען צווישען אונז דאָ ביידען,
ד'בין, ברודערקע, א ספּעציאַליסט, א קענער,
צו האַלטען דאָ מיט יעדען איינעם,
אין הארצען האָב איך ניט קיין האס צו קיינעם,
גלויב מיר,
ד'קען האַלטען אויך מיט דיר,
נור גראדע יעצט בעצאָהלט מיר יענער..."

מיר, די זשאַבעס, קענען אָט פון דיעזען פאַל,
אויסקוואַקען א מוסר־השכל, א מאָראַל,
ווילט איהר לעבען גליקליך אדער וועניגסטענס נישקאָשע,
מוזט איהר זיין א „מאַכער" אי אין טייך און אי אויף דער יבשה...

# צווישען קעץ.

א שעהנער איד,
וואס קיינמאל פלעגט ער גאר ניט ווערען מיעד,
צו דאווענען און צו געהן אין שוהל:
מיט תהילים אנפאקען זיך פול,
מען האט אויף איהם געזאגט,
אז ער פערמאגט,
נאך מעהרער מצוות פון דעם רב,
כאטש ער אליין האט זיך בעקלאגט,
אז וויים איך וואס!
ס'איז נאך ניט דאס!
א איד דארף זיין נאך פרימער, שטרענגער,
דארף לערנען מעהר און דאווענען לענגער
און ע ר, איז גאר ניט מדקדק על פי רוב,
והראיה,
עס בלייבען איהם נאך שטונדען פרייע,
פאר עסען, טרינקען, האנדלען סחורה,
בשעת גאר זיין צייט בעלאנגט נור צו דער תורה,
הכלל! ער איז געווען א צדיק תמים,
א חסיד פון די אמת'ע פרומאקעס,
וואס נור זיי לערנען — עסען מכות,
און פאר אזא געקענט האט מען איוה פון כל ימים.

פאסירט עס,
(א פאקט וואס אונזערע א קאץ קאווירט עס.)
אז איינמאל א פריהמארגענס אין זיין הויז,
זיך גרייטענדיג צום דאווענען געהן, אין קלויז,
האט אונזער פרומער מאן דער צדיק,
דיעזער גרויסער הייליגער וואס פאסט הפסקות,
(אז כאפען זאל איהם נור דער קאדיק!)
פערשפארט די טיהר און שטיל געמאכט א שנעפסעל,
און בקיצור, אט די כלמרשט-פרומע שעפסעל,
פלעגט יעדען טאג פאר אלע היום'ס,
ארייכשנאשקען גאר עטליכע לחיים'ס,
און דערנאך ערשט פון דער פלעשעל א פאאר זשליאקעס . . .

מיר, די קעץ, בעדארפען אט פון דיעזען פאל,
אפלעקען א מוסר השכל, א מאראל,
ווען מען זעהט ניט, מ'קען ניט כאפען אייך ביים האנד,
כאפט אריין א גוטען נאש פון'ם קריגעל שמאנט . . .

# צווישען יאָזשיקעס.

אך!
ברידער, ד׳האב געהערט א שעהנע זאך,
ווענען אט די הויכע ברואים אויף צוויי פיס,
אדם׳ס קינדער,
וועלכע הערשען דא אויף אלע חיות, שאף און רינדער,
ברואים מיט א שטארקען שכל, גאנץ געוויס
און פון וועמען ס׳איז אן עהרע,
אפלערנען א מוסר-השכל און א לעהרע,
הערט־זשע וואס ביי זיי האט זיך פערלאפען.
צוויי גאנץ־פרעמדע לייט,
וועלכע האבען זיך אוועקגערוקט פון זייער היים וויים־ווייט,
האבען זיך אין וועג געטראפען
און ס׳האט איינער באלד אריינגערוקט דעם צווייטען,
גאר א גרויסען שלום־עליכם און א ברייטען
און דאביי איהם אנגעפאנגען שטארק צו פלאגען,
מיט א גאנצען צעטעל פראגען,
„פעטערקע, פון וואנען קומט א איד?
און צי האט איהר א פאמיליע, ווייב און קינד?
און וואס איילט איהר זיך אזוי געשווינד?
און צי פאהרט איהר ניט אויף׳ן יריד?
און מיט וועלכע סחורות טהוט איהר האנדלען?
אפשר ראזשינקעס מיט מאנדלען?
און צי האט איהר נאך א טאטען?
און ווי רופט זיך מיט׳ן נאמען אייער שווער?
חאצקעל, טאדרעס, וואלף צי בער?
און צי זענט איהר א בעפרייטער פון סאלדאטען?
אט, עס ווילט זיך אלעס וויסען,
מ׳זעהט א מענשען, ווילט זיך קאנטשאפט מיט איהם שליסען!"

ס׳האט דער צווייטער מאן דעם ערשטען גוט בעטראכט,
אבגעמאסטען איהם מיט ביידע אויגען,
און געענטפערט ניט־געכאפט, צוצויגען:
„ליעבער איד! איך נעהם די פראגען אייערע אין אכט,
איך בין מיר א מענשעל ניט קיין שלעכטער,
און ס׳איז אייער וואונש א גאנץ גערעכטער,
אלזא, אויב עס קען נור אייך פערשאפען א הנאה,
וועל איך אייך ערקלעהרען אלעס כרבעי,
אבער קודם וועל איך וואגען,
שטעלען אייך א פראגע איינע,
נאר א קליינע,
ווען איהר שטעלט א פרעמדען מאן אזוי פיעל פראגען,
וויל איך וויסען אויב איהר זענט דער מלאך דומה,
אדער גלאט א איד א בהמה? . . ."

ד׳וויים ניט ברידער וואס אין דיעזע רייד איז דארט געלעגען,
נור דער ערשטער האט שוין ניט געוואגט מעהר, עטוואס פרעגען.

מיר, די יאזשיקעס, בעדארפען אט פון דיעזען פאל,
אויסקראצען א מוסר השכל, א מאראל,
אז ווען איינער קומט צו נאהענט, וויל שפיאנירען וואס איהר טהוט,
איז די בעסטע זאך, א שטאך טהון איהם ביז בלוט . . .

# צווישען העהנער.

א גולם,
ס'הייסט איינער פון דעם פראכטען עולם,
וואס ווייסט ניט פון קיין חכמות, דרעהדלאך,
און ז'יצר־הרע'דיג צו מיידלאך,
(ווייל ליעבע עקזיסטירט ביי מענער,
אט גראדע ווי ביי אונז די העהנער)
האט אמאל דערזעהען,
א מויד וואס איז פיעל דיקער, שעהנער,
פון זיין ווייבעל — דער ארורה —
ווערמעס שווארצע, דארע צורה,
איז פון לאנג שוין איהם געווארען נמאס,
און די מויד איז אן אנטיק, א צימעס.
נו, ז'מיט איהם געשעהען,
דאס וואס טרעפט מיט יעדען פיינעם זכר,
זיך פערליעבט אין איהר גאר מעשה־בחור,
פערפאלגט איהר יעדען שריט, ס'איז גאר סכנות,
און ווארפט איהר קאמפלימענטען און מתנות.
בקיצור, ס'איז דאס פאארל באלד פערשוואונדען,
דער גולם ברענענדיג מיט זינד,
פערלאזען האט זיין ווייב און קינד,
און מיט דער מויד דורך הייראטה, זיך פערבונדען.

דערווייליע,
האט ווייבעל נומער איינס געמאכט א „יעלה",
סקאנדאל! אן אונגליק און א בראך האט זי געטראפען,
איהר מאן איז מיט א מויד פון שטאדט אנטלאפען,
און זי האט אנגעפאנגען איהם צו זוכען,
אט וואו די וועלט האט נור אן עק,
געשמעקט אין אלע לעכער און קאטוכען,
ביז וואנען זי האט איהם געפאקט,
אויף פינף יאהר טורמע איהם פערהאקט,
פון לעבען גליקלאך איז שוין דאן ביי איהם געוועזן קיין ריידע,
פערלארען נעבאך זיינע ווייבלעך ביידע,
שטאדט דעם געהאט פיעל צער און שרעק.

מיר, די העהנער, קענען אט פון דיעזען פאל,
אויסקרעהען א מוסר־השכל, א מאראל,
ניט צו אנריהרען א היהנדעל — כיבע,
זי וויל פיהרען מיט אונז פרייע ליעבע . . .

# צווישען מאָסקיטעס.

אָט ווי ס'איז גוט,
צו זויגען פון די מענשען זייער בלוט,
איז נאָך פיעל בעסער
פון זיי זיך לערנען שכל און פערשטאַנד,
ווייל זיי, אין שכל זענען גרעסער
פון אלע בּרואים אויף'ן לאנד.
טאָ הערט־זשע שוועסטערלאך־מאָסקיטעס,
א מעשה וואָס האָט זיך פערלאָפען,
שוין באלד צוויי טויזענד יאָהר ווי דאָס האָט זיך געטראָפען.
געווען אמאָל א מענש, ט'מען איהם גערופען „טיטוס",
א גרויסער העלד,
און זעהר גוט געווען צו אונז'רע ברידער,
ער האָט אין שטאָדט און פעלד,
געוואָרפען פאר אונז גליעדער,
געשניטען מענשען אָהן א שיעור,
כדי מיר,
די גרויסע נאָשער,
צו טרינקען זאָלען האָבען בלוט ווי וואסער,
הכלל, ער איז געווען א בחור גאר א וואוילער,
דער גרעסטער צווישען אלע קוילער,
נו האָט פאסירט, אז איינע א מאָסקיטע,
איז איינמאָל שפּריגענדיג גאלאָפּ,
אריינגעפלויגען דורך'ן נאָז צו איהם אין קאָפּ
און ווי ס'איז אונזער שטה,
זיך צוגעכאפּט צום פּיקען,
ניט קוקענדיג אויף גליקען,
פון אלדאָס גוטס וואָס זי האָט דאָרט געפונען,
צומאכט אין קאָפּ איהם ביילען און געשווירען,
ביז זי האָט אנגעטראָפען די געהירען,
געפרעסען ביז ס'איז איהר פון מויל גערונען.
נור שטעלט זיך פאָר איהר איבּעראַשונג, וואונדער,
אז פּיקענדיג טאָג טעגליך די געהירען,
האָט זי גענומען שפּירען,
אז זיי ענטזאגען זיך צו אנערקענען גאָט,
און מאכען איהם צו שאַנד און שפּאָט,
בעטראכט עס נור, אָה, שוועסטערלאך, איעדערע בעזונדער!
ס'איז דאָך א גרויל!
איך ציטער גאר דאָס אויסצוריידען מיט'ן מויל,
ששו־ששו! עס כאפּט מיך אזש ארום א קעלט!
צו קריטיקירען גאָט! דעם שעפער פון דער וועלט!
נור וואָס איז דאָ צו ריידען,
זי האָט פון קייען די געהירען שפּעטער זיך דערוואוסט,
אז פיעלע מענשען האָבען אָט דעם זעלבען גוסט,
מכמה ימים,
זיי זיינען עזות־פּנים'ער, גאר ווענינ וואס בעשיידען,
זאגאָר מיט גאָט, זיי שפּרינגען איהם אין צורה,
זיי רייסען פון איהם שטיקער מיט ברוטאלער גבורה,
ווייזט אוים, זיי ווילען איהם פערשאפען שפיכת דמים!

מיר, מאָסקיטעס, קענען אָט פון דיעזען פאל,
אויסשטעכען א מוסר־השכל, א מאראל,
אז אבוואָהל מיר זענען קליינינקע און קנאָפּע גאר יחסנים,
מעגען מיר די גרעסטע בּרואים בּייסען, שפּרינגען זיי אין פּנים!

# צווישען מייז.

ציף, ציף!
אויב אימיצער פון אייך, וויל האבען א בעגריעף,
ווי ס'לעבען יענע צווייפיסיגע חיות,
די שונאים אונזערע, וואס האלטען אוים אין יעדען פלאץ,
א הונד אדער א קאץ,
איז הערט א מעשה, עטוואס שעהנעס, נייעס,
וואס איינע אונזערע א מויז,
ענטדעקט האט אין א קעלער פון א גרויסער הויז,
וואס מ'רופט עס פארלאמענט, צי סיטי האל, *)
און ס'ליגען דארטען פעק פאפירען אהן א צאהל,
די קהל'שע ארכיוועז,
און ס'האט די מייזעל זיי צוקייט בכיון,
בכדי צו אויסשטודירען דארט
די מענשליכע בעגריפען,
יאהר־איין, יאהר־אוים געקייט האט זי איעדעם ווארט
פון זייערע פערדרעהטע היראגליפען,
צוקייענדיג רעפארטען,
בעריכטען, רעכנונגען, חשבונות,
און קריכענדיג אלץ טיעפער,
צוקייענדיג מיליאנען ציפער,
מיט מייזישער געדולד און גאונות,
געקומען איז זי צום בעשלום, אז דארטען,
האט יעדערער פון די בעאמטע,
(אזעלכע מענשעלאך פערדאמטע,)
גענומען ניט־געפרעגטערהייד, אהן שיעור,
פון אלעם וואס איהר קענט נור הערען און געדענקען,
(אז זאל'ן זיי גאטוניו דאס נור פערקרענקען!)
צושלעפט אן אייגענס שפייז,
דורך פענסטער און דורך טיהר,
און אויסגעפונען האט די מייזעל א בעווייז,
אז זיי, די מענשען, זענען דן לכף חובה,
איעדען איינעם וועלכער נעהמט עפעס ניט אנגעפרעגטערהייד,
זיי רופען דאס אויף זייער לשון „גנבה",
און זיין א גנב הייסט ביי זיי א גרויסע שאנדע,
(עס טהוט מיר לייד,
צו זאגען, אז לויט זייערע בעגריעפען, רייד,
מיר אלע מייז בעדארפען הייסען א גנבים־באנדע.)
נור קומענדיג צוריק צו אונזער מעשה,
די מויז, די פארשעריין האט קייענדיג ענטדעקט,
א שריפט אזא אויף בלעטלאך ווייסע,
פון איינעם דארט א בירגער, וועלכער האט בעצוועקט
צו אויסראטען די גנבות פון דעם שטאאט,
איז שרייבט ער: „שולדיג איז נור די סיסטעם
פון כאפ און נעהם,
ווייל ס'כאפט זיך און עס נעהמט זיך אזוי לייכט און גלאט,
אז יעדער איינער, מעג ער זיין, ווי עהרליך,
איז איינצוהאלטען זיך, ניט גנב'ענען, איהם שווערליך,
נור ווען עס וואלט געהערשט א שטרענגערע קאנטראלע,
אז יעדער קהלישער גנב כאפען זאל א פינסטערע מפלה,
און גנב'ענען זאל זיין אונמעגליך, זעהר שווער,
וואלט קיינער קיינמאל ניט גע'גנב'עט מעהר..."

מיר, די מייז, בעדארפען אט פון דיעזען פאל,
אויסגריזשען א מוסר־השכל, א מאראל,
אז דער נאמען גנב, איז פאר אונז א ניט־פערדיענטער שטאך,
ווען מיר שלעפען וואס אוועק, איז שולדיג נור די לאך.



*) א שטאדט־דומע.

# צווישען טיגערס.

ררררררר . . . הא !
עס איז די מעשה, ברידערלאך, אזא.
אנומעלט האב איך דא אין וואלד
געזעהען יעגער צוויי, און ריידען
געהערט זיי ביידען,
איז דאס געשפרעך געווען אינטערעסאנט א גוואלד,
זיי האבען צווישען זיך גערעדט מיט גרויס פערדרוס,
פון איינעם עפעס דארט א דריטען,
לויט זייער מיינונג, א בן־אדם גאר אהן זיטען,
א ליגנער, רויבער און א ... (ס'איז א הארטער נוס,
איך ווייס ניט ווי מען גיט עס א צוקנאק !)
מיר דוכט זיי האבען איהם גערופען „פאסקודניאק".
הכלל, דער אינהאלט פון'ם געשפרעך בקיצור,
געווען איז צווישען זיי ווי פאלגט : „דער מאן,
וואס אלע ווייסען אז אין איהם איז כל מום רע פאראן,
קומט אפט צום פאלק, אלס רעטער, אונטערשטיצער,
אין יעדער אונטערנעהמונג שטופט ער באלד זיין נאז,
ער זוכט צו ווערען איבעראל דער גאנצער פיהרער,
און אפט אויך דער קאסירער . . .
צו יעדער כלל־ארבייט גיט ער, דער ערשטער זיך א לאז,
כאטש אלע קענען איהם אלס דרעה־קאפ, שארלאטאן,
וואס מ'טאהר ניט טרויען איהם קיין ווארט,
ער זוכט נור אייג'נע נוצען דא און דארט,
בענעהט א שווינדעל און א גנבה'לע אויף יעדען שפאן ;
ער האט זיך שוין בע'גנב'עט הונדערט מאהל,
מען האט איהם שוין געכאפט ביים האנד,
און דאך אהן שאנד,
זיך ווידער שטופט ער רק צו קהל."
די ביידע יעגער האבען אלזא שטארק בעדויערט,
וואס ס'איז דער גרויסער עולם אזוי דום, פערפויערט,
און לאזט זיך פון דעם שווינדלער פיהרען,
אנשטאט וואס מען וואלט דארפען,
מיט א פראטעסט א שארפען,
ארויסשליידערען איהם דורך אלע טיהרען . . .

מיר, די טיגערס קענען אט פון דיעזען פאל,
ארויסרעווען א מוסר־השכל, א מאראל,
אז מען קען זיך טאקע זיין דורכאוים אין פלעקען,
דאך געוועלטיגען איבער די בהמות, גאר אהן שרעקען . .

# צווישען שמעטערלינגע.

עס איז געוועזן,
אַ הייסע צייט אַמאָל, אַ ברען,
מיר שמעטערלינגע, זענען דאַן געוועזן נאָך יונג און פריש,
אין גאַנצען צוויי־דריי שטונדען אַלט,
די זון געפלאַקערט האָט, געשטראַהלט,
דאָס לעבען איז געוועזן דאַן אַנגענעהם און זיס.
דער גערטנער האָט פון יעדען בוים און צווייג,
געקליבען פרוכט,
געניטשטערט יעדען ווינקעלע, געזוכט,
געריסען אַלע עפּעל מיט אַזאַ געצייג,
און כאָטש ער האָט שוין אַנגעזאַמעלט דאָרט אַ גאַנצען באַרג,
איז איהם דאָס אַלץ געוועזן נאָך קאַרג,
און ער האָט אַלץ געזאַמעלט מעהר און מעהר.
מיר אַלע זענען אַרום איהם געפלויגען
און צוגעקוקט זיך מיט די אויגען,
וו'אַזוי אַ מענש קען דאָס אַריינאַרבייטען שווער!
און וויפיעל ער בעדאַרף עס דאַ צום עסען,
ס'אַ שרעק!
אַ מעשה אָהן אַן עק!
ער קלייבט און קלייבט און האָט גאָר אויפהערען פערגעסען.
מיר האָבען אונגעדולדיג שוין געוואַרט,
צו זעהען ווי אַזוי ז'עם מעגליך
און איבערטרעגליך,
אַז איין פערזאָן זאָל אויפעסען דאָס גאַנצע פרוכט פון גאָרטען,
אַזוי פיעל סאָרטען,
און ווי ער וועט עס ווערען פעט און דיק, צושפּאַרט.
צום סוף,
(אַך! ניט פאַר אונז געדאַכט אַזאַ מין שטראָף!)
ס'איז טאַקע נור צום וויינען און צום קלאָגען,
נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט זיך זעצען צו דער סעודה,
איז אַנגעקומען פון אַ זייט אַ וואָגען,
און צוגענומען אַלע עפּעל, גאָר די גרודע,
ער זאָל דיר איבערלאָזען אויף אַ רפואה איינעם,
אַט כאָטש אַ קליינעם!
דער גערטנער איז פערבליבען זיצען
און שוויצען,
ס'איז איהם צו עסען נעבאָך ניט געוועזן בעשערט,
און שפּעטער האָבען מיר געהערט,
ווי ער האָט דאָרט צו נאָך איינעם געזאָגט:
„ס'איז שווער צו אַרבייטען, דאָס לעבען מאַטערט, פּלאָגט,
די גאַנצע וועלט איז טאַקי נור אַ חלום,
אַ פּוסטע זאַך, הבל הבלים!"

מיר, די שמעטערלינגע, קענען אַט פון דיעזען פאַל,
אַפּלערנען אַ מוסר־השכל, אַ מאָראַל,
ניט צו זוכען קיין תכליתים, קיין שום ווייטערען פּראַגרעס,
ס'איז אַ וועלט פון פליה און כאַפּ, פון כאַפּ און עס!...

## צווישען ענדיקעס.

האַלדיר! האַלדיר! ס׳איז געווען
אזא מאַן. (ד׳האָב וועגען איהם געלעזען.)
און גערופען האָט מען איהם „ווילהעלם״,
אָט איך וועל איהם
אויסמאָהלען פאר אייך גאנץ־ריכטיג.
ער קוקט אויס ווי אונזערער אַן ענדיק,
אַנגעבלאָזען שטענדיג.
שטרענג — זיין בליק איז זעהר אַ בייזער,
און ער האַלט זיך פאר געפעהרליך־וויכטיג,
ניט פערגעסט, דער חברה־מאַן ז׳אַ קייזער!
און ער זאָגט, אַז ער,
(ס׳נעהט אזוי ארום דאָ אַ לעגענדע.)
האָט אין הימעל דאָרט ביי גאָט אַ שער, *)
היינו, אַז ער האַלט דעם ערד קוגעל אויף דער ארענדע.
האָט ער, אלזא, איינמאָל זיך צוקאַכט,
אַנגעבלאָזען שטאַרק דעם גיידער,
פאָטשענדיג די פליגלען כסדר,
שרייענדיג צו גאָר דער מענשהייט: „האַלדיר, האַלדיר!
מוזט מיר ווערען אונטעריאָכט,
טאָמער ניט, איז תיכף קום איך און בעצאָהל דיר,
ווי דו האָסט פערדיענט!...״
און ער האָט זיך טאַקע באַלד געגעב׳ן אַ לאָז
שפרינגט אין פנים אַלעמען און פיקט,
רייסט און בייסט און צופט און פליקט,
אַלעס וואָס ער נור געפינט,
און ער סאַפעט מיט דער נאָז,
אַז ס׳איז גאָר געפעהרליך,
ס׳קומט איהם אָן די ארבייט שווערליך,
ווייל דער עולם גיט צוריק,
מ׳האָט ארומגערינגעלט איהם פון אַלע זייטען,
און מען קלאַפט איהם פון דער נאָהענט און פון ווייטען,
עס וועט זיין אַ גרויסער גליק,
אויב דער חברה־מאַן וועט בלייבען לעבען,
ווייל די וועלט איז גרייט ערשט געבען איהם און געבען,
וויפיעל ער וועט קענען נור דערטראָגען,
און זייט זיכער! מ׳וועט איהם דאָרט אויף טוידט דערשלאָגען!

מיר, די ענדיקעס, בעדאַרפען אָט פון דיזען פאַל
אויסהאַלדערען זיך אַ מוסר־השכל, אַ מאָראַל,
אַז עס העלפט ניט ס׳בלאָזען זיך, פערררייסען הויך דעם קאָפּ,
סוף כל סוף בעזיעגט מען אונז, מיר פאַל׳ן אריין אין טאָפּ...



*) אַ חלק אין געשעפט.

## צווישען בערען.

אך, אך, אך!
ד'גיב מיין קאפ אן בוים א טראך,
פאר יסורים, צער,
אומעט און פערדרוס,
פון דעם גרוס,
וואס איך האב געהערט
וועגען אונזערען א ברודער־בער, א גרויסען נאר,
לויט עס ווערט
דיעזע טעג דערצעהלט אין וואלד,
האט פאסירט אן אונגליק, גאר א גוואלד,
צו א גרויסען, מעכטיגען און שטארקען בער.
הייסען הייסט עס, אז ער טראגט דעם נאמען „רוסלאנד'ס מדינה",
אבער ס'איז דאך ניט קיין נפקא מינה,
בער איז בער, ניט וועניגער, ניט מעהר —
ווי ער זאל ניט הייסען, וואו ער זאל ניט וואוינען,
אונזער בלוט און פלייש,
און דער אונגליק איז גאנץ־גרויס,
הערט איהר דאך וואס ס'האט פאסירט,
ד'זאג אייך, ד'ווער פון זינען שיעור גערירט!
עטליכע דארט, פינסטערע פארשוינען,
אט די מענשעלאך וואס וואנדערען פון שטאדט צו שטאדט,
האבען ניט קיין שכל און פערשטאנד,
צו פערברענגען רוהיג אין די וועלדער, אדער אויף'ן לאנד,
נור איעדער איינער ביי זיי האט
לוסט צו'ם וואנדערען,
בעטלען נדבות אימער ביי דעם אנדערען,
דוכט זיך אז מען רופט זיי „זשידעם",
לעצטענס טראגען אייניגע פון זיי דעם נאמען „באלשעוויק",
אלזא, דיעזע לייטע, ס'איז אפילו גאר א גרויסער חידוש,
ווי ס'איז זיי געלונגען,
נור זיי האלטען יענעם בער געפאנגען אויף א שטריק,
לאזען איהם ניט געהן אין וואלד צוריק
און דער אונגליקליכער ווערט פון זיי געצוואונגען,
ער זאל טאנצען ווי מען זאגט איהם,
עס ווייזט אויס הפנים, אז מען שלאגט איהם,
אדער ווייסט דער טייפעל,
ווי זיי מאכען,
ער זאל טאנצען דארט לויט זייער פייפעל,
כדי די וועלט זאל אנקוקען און לאכען:
און עס איז דאך טאקי חוכא־טלולא,
אונזערער א בער ארונטערפאלען זאל אזוי פון גדולה,
ברידער־בערען! ד'זאג אייך עס איז א סקאנדאל,
ד'גלויב עס איז בעטאנען גאר ניט נויטיג,
אז די שאנדע גרעסער איז נאך פון דעם וועהטיג,
טראך! עס ווערט צופלאצט אין מיר די גאל! . . .

מיר, די בערען, קענען אט פון דיעזען פאל,
אויסרעווען א מוסר־השכל, א מאראל,
אז עס איז א קלאג צום בער, צו דער מערכה זיינער,
ווען ער פאלט אריין צום בייזען היימלאזען ציגיינער . . .

## צווישען עזלען.

עס האָט
א מענשעל ערגעץ אין א שטאָדט,
(וואָס ער אליין
פלעגט וועניג וואָס פערשטעהן
און ט'קיינמאָל ניט בעלאנגט צו די יחסנים,)
גענומען פלוצלונג טופען שטאַרק מיט די קאַפּיטעס,
ארומלויפען צו אלע שטאָדטישע קאָמיטעס,
און טומלען זיך אין קהל'שע ענינים.
אָט וואו נור צוויי איז ער א דריטער,
און כסדר רעדט ער וועגען זיך.
ער האלט אין הירזשען „איך!" און „איך!"
און האָרעוועט גאַנץ־שווער און ביטער,
צו איבערציינגען,
אז ווען חלילה ער זאָל שווייגען,
איז אוים מיט אלע אנשטאַלטען אין שטעדטעל,
ס'וואָלט אלץ
געווען אָהן זאלץ,
אָהן טעם, אהן ריח, אָהן ממשות,
נאָר פּע, חלשות!
נור ער דערלאַנגט זיי אלעמען א צעטעל,
ווייל ווען ניט ער,
איז אדרבה, זאָגט ווער
וואָלט קאָנטראָלירען די מתעסקים,
און געבען זיי די בעסטע עצות,
און ראַטעווען די אנשטאַלטען פון כל הצרות?
די גאַנצע שטאָדט איז אלזא מסכים,
אז אלעם ליגט אויף זיינע פלייצעס
און ווען ניט ער, ר' מאָטעל,
זאָל זיצען ברייט אין זאָטעל
און האלטען פעסט די לייצעס,
וואָלט אלעם געהן קאַפּוט און טויגען אויף כפּרות.

לכתחילה
פלעגט יעדערער איהם אויסלאַכען במחילה.
דער מאַן האָט אָבער אָנגעהאַלטען זיינע ריהמערייען,
ווי טאָג ווי נאַכט דאָס זעלבע פלעגט ער קייען,
ביז וואַנען
עס האָבען זיך געפונען פיעלע,
(נאַראָנים זענען דאָך ביי מענשען אויך פאַראַנען!)
וואָס האָבען איהם גענומען גלויבען
און טאַקי ריהמען איהם און לויבען,
ביז ענדליך איז עס איהם געלונגען,
אז כאָטש ער האָט אין קיין שום פאַל,
מיט קיין שום זאַך גענוצט דעם כלל,
און בלויז געטומעלט איבעראַל,
האָט גאָר דאָס שטעדטעלע מיט איהם געקלונגען.

מיר, די עזלען, קענען אָט פון דיעזען פאַל,
אויסהירזשען א מוסר השכל, א מאָראַל,
אויב איהר ווילט, מ'זאָל קענען אייך אין לאַנד,
רייסט דעם גאַרגעל, הערט ניט אויף צו הירזשען נאַכאַנאַנד.

# צווישען אָקסען.

אמאָל,
האָבּ'ן מענשען, גאר א היבּשע צאָהל,
פערזאמעלט זיך אין מיטען מארק
און שטאָרק
גענומען פּראָטעסטירען,
הלמאי די גרויכע מאסען איבּער'ן לאנד,
געדריקט דאָ ווערען נאָכאנאָנד,
געשטיקט פון אייניגע וואמפּירען,
אז ס'הויבּט די גאל שוין אָן קראַפּירען;
מ'האָט איינגעשפּאַנט די מדינה אין א יאָך,
און שלעפּ,
אז ניט, איז קלעפּ,
דערלאנגט מען אזש די בּיינער קנאַקען,
כאָטש רייבּ זיך אָן בּיז בּלוט דעבּ האלז און נאקען,
און עסען גיט מען דיר א מכה ערשט דערנאָך.
הכלל!
עס איז א שרעקליכער סקאַנדאַל,
אַ קליינע קליקע,
בּוהייעס אפּגעפּרעססענע און דיקע,
בּעהערשען גאר דעם שטאַאט,
אָט אַקוראַט,
ווי אלע בּירגער זאָלען זיין
בּיי זיי געקויפטע שקלאַפען,
וואָס מוזען אימער שאַפען
און כסדר ליידען נויט און פּיין
און טאָהרען ניט ארויסלאָזען א „מו'
נור נעהן אין שפּאַן און שווייגען אימערצו,
איז בּכן, „האַלאַי!" און „נידער!" און „ארונטער!"
דאפּיי ט'מען דאָרט א פאָהן ארויפגעצויגען רויט ווי צונטער.

עד כאן,
איז שטיל געווען, נור דאן,
ווען ס'האָט בּעוויזען זיך די רויטע פאָהן,
ארויסגעוואקסען זענען ווי פון דר'ערד,
קאַזאַקען רייטענדיג אויף פערד,
אַ גאנצע מחנה, שווארץ ווי מאָהן,
און אָנגעהויבּען שמייסען מיט נאַגייקעס
(אזעלכע שקלאַפען-טרייבּער-מאַכערייקעס),
ארויפגעפאָהרען מיט די סוסים אויף די מאסען,
געטריבּען זיי, צודריקט זיי ווי די פליגען
בּיז פיעלע זענען טוידט געבּליבּען ליגען
און טייכען בּלוט פערפלייצט האָבּען די גאסען.

מיר, די אָקסען, קענען אָט פון דיעזען פאַל,
אויסקייען א מוסר השכל, א מאָראַל,
אויבּ איהר ווילט זיך אויסהיטען פון טויט,
לויפט פון יעדער שמאַטע וואָס איז רויט . . .

## צווישען שאָף.

מע־ע !
ס'איז דעם שוואכען טאַקי ביטער, פע !
אָבער ס'קען איהם זיין פיעל ערגער נאָך ווי שלעכט,
ווייל מען זאָגט,
ווער קיין קראַפט פערמאָגט,
האָט צו לעבען גאר אין גאנצען ניט קיין רעכט,
אָט איז אייך אָן אמת'ע פּאַסירונג
וועלכע קען אונז דיענען אלס בעווייז,
אז צו קעמפּפען געגען דעם בעל־כח'ס פיהרונג,
איז א טעות און א גרויסער גרייז.

ס'האָט אמאָל אַן אומה,
ניט קיין דומע,
אָנגעוואוירען איהר מדינה און רעגיערונג
און געמוזט אויף פרעמדע לאַנקעס זוכען פּאשע,
ביי אַזאַ מין אָריענטירונג,
איז דאָך שוין גאַנץ איבעריג די קשיא,
אויב עס האָבען צרות איהר געפעהלט.
ווייל ס'פערשטעהט זיך, מען האָט זי געטריבען,
פון איעדען פלאַץ וואו זי האָט זיך געשטעלט,
גראז א ביסעלע א קיי טהון פאר א ווייל,
דאָך איז זי פערבליבען,
פיעלע דורות עקזיסטירען אויף דער וועלט.
ד'מיין איהר קענט די אומה וואָס מען לאָזט דאָ ניט צופריעדען,
מ'רופט זי דוכט־זיך „אידען".
אי איז דאָך די שאלה,
ווי האָט זי אָט דיעזען
קונץ בעוויזען,
ס'הייסט צו אויסשטעהן אלע שרעקליכע רדיפות
און אויף וועלכע תקיפות,
לעבט זי צווישען שונאים אזוי לאַנג ?
איז דער תירוץ, אז זי געהט זיך מיט א קלוגען גאַנג.
קיינמאָל קעמפּפט זי ניט מיט גבורה,
ווען זי ווערט בעפאלען אטאַקירט,
נור זי צייגט א תם'אוואַטע צורה,
אָט ווי איינער זאָגט :
„נו מסתמא קומט מיר, שלאָגט !"
און דערפאר טאַקי, די אומה עקזיסטירט,
ווייל אזוי איז שוין די מאָדע,
שלאָגט אייך מאַנכער און איהר מאַכט זיך כלא ידע,
געהט דער שלעגער ניט צו ווייט,
רייבט אייך אָן א זייט,
גיט אייך א פּאָאר שטורכעס אין די ריפּען,
פּאַטשט אייך אָן די פּיסקעס מיט די ליפּען,
רייסט אייך אויס א בינטעל האָהר
און גאָר . . .
פּרובט נור אָבער איהם צוריק א שטורכע געבען,
איז „גודביי" דאַן, איהר זייט שוין ניט זיכער מיט'ן לעבען ! . . .

מיר, די שעפּסלאָך, קענען אָט פון דיעזען פאַל,
אויס'מע'קען א מוסר־השכל, א מאָראַל,
ניט צו פּראָטעסטירען ווען מען שעהרט אייך אָב די וואָל,
דאַנקט דעם בורא וואָס מען נעהמט אייך ניט אראָפּ דעם קאָפּ צומאָל!

# צווישען שפינען.

אויב מען רעדט,
פון די גרויסע חיות וואס איהר זעהט
איבעראל דא אויף דער וועלט,
דארפט איהר וויסען, אז די מענשען,
ווערען זעהר הויך געשטעלט,
אין די שכל'דיגע זאכען,
און מיר אלע מעגען זיך מיט זייער חכמה פשוט בענשען.
ס'איז צום וויינען און צום לאכען,
זיי האבען זאגאר שוין איבערשטיגען
אונז די שפינען,
אין געפינען,
מיטלען ווי צו כאפען פליגען,
ווייל זיי טהוען עס גאר אהן א פאאוטינע־בנין *)
זיי פערמאגען אזא בלאט,
איז עס דוכט זיך אהן איין לעבעל,
גלאנציג, גלייך און גלאט,
דאך, די פליגען זינקען אין דעם ביז די קנעבעל,
נור עס איז ניט שייך דא צום ענין.
דיעזע זעלטען־קלוגע חיות,
(ד'האב אויף דעם גאר פיעלע ראיות,)
ווערען אפט אליין געפאנגען,
אין א נעץ פון פאאוטינע,
ס'איז אזעלכע קליידער דינע,
וואס די „זי" ביי זיי ז'דערמיט בעהאנגען.
אבער, ברידער! ד'זאג אייך, ווי איך לעב!
זייער נקבה טראגט אזא געוועב,
וואס די שפינען־נעץ איז גענגען דעם א זאק,
ס'איז געשפונען זעהר שיטער,
(קענטיג אז זי הארעוועט אויף דעם ניט ביטער)
יעדע לעבעל איז ווי אויסגעהאקט געווארען מיט א האק,
און זי טהוט דערמיט אויף זעהר פיעל,
פאנגט גאנץ איינפאך וויפיעל נור זי וויל,
און מען זאגט,
(ס'איז ווייזט אוים אזא נאטירליכעס געזעץ,)
אז וואס שיטערער עס איז די נעץ,
וואס די מענשליכע נקבה טראגט,
אלץ מעהר אפפער ווערען דאן פון איהר געכאפט,
זי דערטאפט
גאנצע מחנות, אהן א שיעור,
ניט ווי מיר,
וועלכע געהען מיט דער אלטער שטה,
אז א נעץ בעדארף זיין היבש־געדיכט,
אום צו קענען טהון איהר פליכט
און מיר כאפען אפשר צוויי־דריי פליגען אין א שמיטה.

מיר די שפינען קענען אט פון דיעזען פאל,
אויסוועבען א מוסר־השכל, א מאראל,
אז וואס שייך שפרייטען פאאוטינע,
זיינען מיר נאך קאליקעס גאר, גרינע!...**)



*) שפין־וועב. **) אונערפאהרענע.

# צווישען בעק.

מע !
איך שריי יעצט אוים אויף גאר דער העכסטער „צע״,
און זאל די גאנצע סטאדע הערען
א מעשה פון די לעצטע צייטען,
וואס קען א סך פאר אונז בעדייטען
און אונז בעלעהרען.
ס׳איז דא ניט לאנג,
געקומען צו די אידען אן ערלייזער,
אן אדעל־מאן, א פרינץ, א קייזער,
עס טהוט מיר זעהר באנג,
איך האב פערגעסען גראדע יעצט זיין נאמען,
ר׳ הערצל, צי טהעאדער,
ענטוועדער — אדער,
און אפשר ביידע נעמען, ווער קען עס געדענקען ?
נור דאס איז ניט דער עיקר, מ׳האט צו איהם גענומען שטראמען,
פון אלע עקען וועלט,
און שענקען
די גרעסטע אויפמערקזאמקייט איהם און זיינע רייד,
דאס גאנצע יודענטהום האט גאר פון איהם געקוועלט,
א קלייניגקייט ? ער וויל זיי ראטעווען פון פיין און לייד,
פון צרות, האס און גלות,
פון שחיטות, קלעפ, יללות
און פיהרען זיי קיין ארץ ישראל,
וואו ס׳וואקסען באקטערען אויף בארג און טהאל,
אזוי אז אויך מיר בעק און ציעגען,
דארט קענען איבעראל די באקסער׳ן קריגען
און קייען זיי לרוב,
און בקיצור, סאיז דער דאזיגער ערלייזער,
געווארען ביי די אידען ממש קייזער,
און אלץ וואס ער איז גוזר,
געהאלטען האט מען פאר א מוז, א חוב,
זיין נאמען איז געווארען הייליג איבעראל.
בעדארף זיך אבער מאכען דא א פאל,
אז אונזערער א ברודער, פון די קהל׳שע בעק,
וואס אויף׳ן שוהל־הויף אויסלעבען די יאהרען, איז זיין צוועק,
האט זעלבסט מיט זיינע אויערען געהערט,
פון די בטלנים וועלכע זאגען דארטען תהלים,
די אנגעזעהענסטע און פרומסטע זקנים,
(א לאנגע ווייסע בארד ביי יעדען איינעם,)
אז הערצלען ווערען א משיח ז׳ניט בעשערט,
ווייל ניט ער איז עס, ניט מען וויל איהם,
נאר פשוט, מחמת ער איז א געגאלטער
און וואלט ער
אפילו צייגען ווען א נס א זעהר־גרויסען,
בעדארפען אויך די פרומע מענשען איהם פערשטויסען.

מיר, די בעק, בעדארפען אט פון דיעזען פאל,
אויסציגלען א מוסר־השכל, א מאראל,
אז מיר מעגען מע׳קען וואס מיר ווילען, האבען אלעמען אין דר׳ערד,
ס׳איז דאך עפעס ניט קיין קלייניגקייט, מיר גאלען ניט די בערד!...

# צווישען טויבען.

פּיט, פּיט!
איהר קענט עס הערען יעצט אויף שריט און טריט,
די מעשה איז מאָדערן,
זי נעהט ארום פון מויל צו מויל
און ס'כאַפּט אזש אן א גרויל,
ווען איינער נעהמט די זאך בּעקלעהרען.
זינט נח האָט בּיי זיך פון תבה
(די גאַנצע דאַמאַלסדיגע נייווי,)
ארויסגעשיקט דאָרט דורך'ן שויב,
די עלטער-בּאָבּע אונזערע, די טויב,
צו זעהען אויב דער וועלט חורבּן איז שוין פאַראיבּער,
האָט נאָך קיין טויב אזעלכעס ניט געזעהען,
אזאַ מין חורבּן זאָל געשעהען,
ווי דער, וואָס בּושעוועט אצונד.
די גאַנצע מענשהייט ליידעט פון מלחמה פיבּער,
און ס'פלייצט א מבול בּלוט,
וואָט רייסט ארונטער מיט א מורא'דיגען וואוטה
דעם גאַנצען ישוב בּיז'ן גרונד,
און מאַכט א תל פון דאָרף און שטאָדט,
מסתמא האָט די מענשהייט ווידער,
זיך שטאַרק פערזינדיגט געגען גאָט,
ווייל בּרידער טוידטען בּרידער,
און מאַכען חרוב פיעלע לענדער,
צורייסען אַלע טריטים, אָבּמאַכען און בּענדער,
ס'אַ סברא אז די גאַנצע וועלט געהט אונטער,
מען קען עס גראָדע גלויבּען.
און מערקווירדיג, דער מבול פלייצט גארניט פון אויבּען,
דער מענש אליין, א פרישער, א געזונטער,
געוועזן דאָ דוכט זיך אימער פון די קלוגע,
ז'געוואָרען פּלוצלונג ווילד, משוגע,
און מאַכט דעם חורבּן מיט די אייג'נע הענט,
ס'וויל איינער דאָ דעם אנדערען ניט מעהר פערשטעהן,
זיי שרייען, רייסען זיך, פון גרוים בּיז קליין,
מען צינדט, מען פייערט און מען בּרענט
און אלע טומלען ליארמען,
איין גאָט זאָל נור דערבּאַרמען!
דאָס האלט מען זיך אין קריעגען,
אין זידלען זיך און שעלטען,
אין איבּערקעהרען וועלטען,
דערווייל פאַלען זיי דאָרט אוים ווי פליגען.
נור שטעלט אייך פאר, אז צווישען די מדינות אלע,
געפינען זיך א פּאָאר נייטראַלע,
וואָס מישען זיך ניט, שווייגען שטיל,
האָט זיי דער מבול גראָדע ניט זאטשעפּעט זעהר פיעל,
פון אלע זייטען שטורעמט, אלץ ווערט רואינירט,
נור ווייל די איינציגע נייטראַלע שווייגען — „פּתח שין!"
און שטופען זיך ניט, ניט אהער און ניט אהין,
פערבּלייבּען זיי, ווי נח'ס תבה, אונבּעריהרט.

מיר, די טויבּען, קענען אָט פון דיעזען פאַל,
אויספּישצען א מוסר-השכל, א מאָראַל,
אז מען דאַרף גאר שוין ניט פרעגען קיין שום שאלה,
אויבּ די טויבּען-שטילקייט אונזערע ז'א מעלה . . .

# צווישען האָזען.

הום, הום!
נעהמט קוקט זיך בּרידערלאַך ארום,
אויב קיינער יאָגט זיך דאָ נאָך אונז ניט נאָך,
וועל איך אייך באַלד דערצעהלען
א ספור גאָר א וואוילען,
שאַט שטיל! מיר שיינט מען יאָגט אונז, אוי א בּראָך
ניין, ניין! עס איז דער ווינד, נו אלזא, הערט:
א קליינעם האָז'ל איז אמאָל געווען בּעשערט
צו זיין א צייט געפאנגען,
זיין שיקזאל ז'אויף א האָהר געהאנגען,
נור גאָט האָט איהם דאָס לעבּען דאַן געשענקט,
נעבּראַכט איהם דורך א נס צוריק אין וואַלד,
און טאַקי באַלד,
האָט דער געראַטעוועטער זיך בּעדענקט,
צו מאַכען איבּער אלע געגענדען אין לאַנד,
א לעקטשור־טור וואו ער זאָל קאָנען
בּעהאַנדלען אין א סעריע לעקציאָנען,
די מענשען־וועלט, איהר לעבּען און פערשטאַנד
און אַט איז אייך בּקיצור וואָס ער האָט דערצעהלט:
די מענשען, זאָגט ער, זענען אין פיעל קלאַסען דאָרט צוטהיילט
און איינער ז'אין כּאַראַקטער גראַדע ווי מיר האָזען,
א קלאָס מיט שוואַכע הערצער פון געבּאָרען,
(ער האָט זיי אָנגערופען דוכט זיך, „אסימילאַטאָרען“,)
זיי ציטערען ווי מיר, פאַר יעדען ווינטעל וואָס נעהמט בּלאָזען:
זיי זענען בּרואים אָהן א בּרעקעל מוטה,
דאָך לעבּט זיך זיי נישקאָשעדיג, מ'קען זאָגען, זעהר גוט,
די הויפּט־זאַך איז, זיי פּיהלען זיך גאַנץ־זיכער,
און ס'איז דערפאַר ווייל זיי פערשטעהען גוט די קונסט פון לויפען
אויף יעדען אַרט און אופן,
מיר האָזען זענען געגען זייער לויפען — קריכער.
זיי לויפען פון איעדען שונא,
פון גרויסע אָדער קליינע
זיי לויפען פון איעדען שטיקעלע געראַדער,
וואָס ווערט געמאַכט פון אייגענע, א שוועסטער אָדער בּרודער:
זיי לויפען ממש גאָר פון זיך אליין,
אַמשטאַרקסטען אָבּער לויפען זיי פון זשורנאַליזם,
וואָס שמעקט אַביסעלע מיט אַנטיסעמיטיזם,
(דאָס זענען דאָרט אַזעלכע בּלעטער,
וואָס פאַלען נידעריג, געמיין
און אַטאַקירען אַלעס וואָס איז גוט און שעהן.)
דערשמעקען יענע האָזען נור אזא מין בּלאַט,
וואָס קען אמאָל ערשט, שפּעטער,
ארויספאַלען אויף זיי פּור־פּלאַט,
איז פרעגט שוין ניט! זיי ווערען ניד'ריגער פון גראָז,
און ציטערען ארויסשטעקען די נאָז,
כּאָטש ס'ווייסט נור גאָט אליין,
דער גרויסער בּורא,
ווארום זיי האָבּען פאַר א בּלאַט אזא מין מורא,
נור זיי, די מענשען־האָזען, זאָגען דאָרט, אז גראָד,
אין דיעזער מורא שטעקט דער טיעפער סוד,
פון זייער עקזיסטענץ אין אלע שטעדט,
אלס שוואַכערע מינאָריטעט.

מיר, די האָזען, קענען אָט פון דיעזען פאַל,
אָפּלערנען א מוסר־השכל, א מאָראַל,
אז מיר קענען זעהר גוט בּעשטעהן דאָ אונזער שטעדטעל,
דורך אנטלויפען שנעל, ווען מ'זעהט נור ס'פאַלט א בּלעטעל!

# צווישען ראקעס.

כ'וועל שווערען,
אז אלע מעגט איהר די געשיכטע הערען.
דערצעהלט האט עס' א בכבוד'ער און אלטער ראק,
וואס איז געווען געפאנגען
ביי מענשען מיט אזעלכע לאנגע שטאנגען,
נור שפעטער זיך ארויסגע'גנב'עט פון דעם זאק
און זיך אריינגערוקט אין וואסער שטילערהייד,
ס'הייסט אנגעפייפט די כאפער,
געלאזט זיי אהן א „סאפער", *)
דערצו נאך אויסגעהערט פיעל סודות'דיגע רייד.
זיי האבען צווישען זיך גערעדט
פון עפעס איינעם א מאגנאט,
א גוואלדיג-גרויסען כוואט,
וואס האט מעהר פערל ווי דער שר של ים,
פערמאגט זיין אייגענטהום אין פיעלע שטעדט
און איז א הערשער סתם,
נאך מעכטיגער פון אונזער שארק,
און אלעס זאל ער האבען בלויז דערפאר בעקומען,
ווייל ער האט זיך גענומען,
גאנץ שטארק
צו דעם וואס זי, די מענשליכע געזינדעל,
בעצייכענט מיט דעם נאמען „שווינדעל",
און וועלכעס הייסט אויף אונזער לשון פראסט „חרטה",
דאס מיינט ער פלעגט פערשפרעכען
געוויסע זאכען דארט צו טהון
און ס'הויבט זיך גארניט אן,
ס'איז בלויז געווען לשם פערברעכען,
בכדי אריינצושלעפען מענשען אין א בלאטע
און צונעהמען פון זיי וואס זיי פערמאגען.
אט למשל, ער פלעגט זיך ארויסשטעלען אלם פרום
און צאהלען יעדען קלענסטען חוב'ל אומעדום,
ביז וואנען ער פלעגט אנכאפען ביי לייטען,
אזוי פיעל ווי ער האט געקענט נור טראגען
און אוים! ער האט חרטה! כלמרשט שלעכטע צייטען,
ער צאהלט דעריבער קיינעם ניט קיין חובות,
בעשווינדעלט הייסט עס אלע זיינע בעלי טובות,
דערווייל בלייבט ביי איהם פיעל פרעמדע פראצע,
צי למשל, ער פערשפרעכט פערקויפען סחורה ביליג,
און ס'לופט דער עולם צו איהם וויליג,
און ער ז'צו ערשט מיט קלייניגקייטען זיי מפצה,
פערקויפט זיי טאקע עטוואס האלב אומזיסט,
נור באלד בעקומט ער די חרטה, רייסט פון זיי א הויט,
האקט פרייזען ווי אין קרויט,
און מאכט אויף דיעזען אופן געלד ווי מיסט.
אזוי האבען די לייטע צווישען זיך גערעדט,
נאטירליך איז ניט אלעס אין די רייד פערשטענדליך, קלאהר,
ווייל מאנכע אויסדריקע אונז קלינגען פרעמדליך גאר,
בכלל, פערשטעהט מען אבער זיכער וואס זיי מיינען,
און נעמליך, אז חרטה קען זיך יעדען איינעם לוינען,
ווייל מ'ווערט דערפון געזונד און רייך און פעט! ...

מיר, די ראקעס, קענען אט פון דיעזען פאל
אויסבייסען א מוסר־השכל, א מאראל,
אז ווען איינער וויל אין לעבען האבען גליק,
מוז ער האלטען פון חרטה, קענען קריכען אויף צוריק...



*) אבענד־ברויט.

# צווישען מאַלפּעס.

וואַרט אוים! אַט בלויז איין קראַץ,
דערלאַנג איך מיר אויף דיעזען פּלאַץ,
אַט דאַ אין פּלייצע, אַט אזוי!
און באַלד דערצעהל איך אייך א מעשה, אַן אנטיק,
וואָס ד׳האָב געהערט מיט יאַהרען נאָך צוריק,
בנוגע יענע חיות וועלכע געה׳ן אויף צוויי,
וואָס הייסען מענשען און זיי זיינען
לויט מאַנכע מאַלפּעס טענה׳ען,
די זיידעס אונזערע, צוליעב א סך סמנים
און הויפּטזעכליך לויט זייער פּנים.
איז אַלזאָ, הערט!
אַט יענע ברואים, ווערט ערקלעהרט,
צומהיילט זענען, ווי מיר, אין ראַסען,
ווי להבדיל, מאַלפּעס, שימפּאַנזעס, אראַנג־אוטאַנגען,
און יעדע ראַסע האָט פערשיעדענע פערלאַנגען,
פערשיעדענע מאכלים, שפּראַכען,
און ווי געוועהנליך ווילדע, איינע ד׳אנד׳רע האַסען,
בעפאַלען אַפּט און ממית׳ן דעם שוואַכען,
זיי לעבען גרופּענווייז בעזונדער,
און וואָס נאָך מעהר דער וואונדער,
איעדע גרופּע האָט
אַן אנדער הייהל צו דיענען גאָט,
מיט נאָר אַן אנדערען סאָרט שירה,
מיט אַלערליי משוגענע העויות פון דער וועלט,
זיי האָבען דאָרט פערשיעדענע כלי זמירה,
אין גאָטעס־הייהל צושטעלט,
ווער ס׳בלאָזט א שופר, ס׳הייסט א האָרן פון באַראַן,
ווער ס׳הודיעט אויף אזא מין סאָרט ארגאַן,
ווער ס׳קלינגט א גלאָק און ווער עס זינגט אין כאָהרען,
הכלל! די חברה ווילד איז פון געבאָרען,
און דאָך האָט מען ביי זיי ענטדעקט א טהייל,
א גרופּע וועלכע רופט זיך „אַסימילאַטאָרען״,
וואָס איז גאַנץ הויך ענטוויקעלט, גאָר ווי מיר אליין,
זיי קרימען נאָך די אנד׳רע גרופּעס אויסגעצייכענט שעהן,
און ווען איהר געהט אריין צו זיי אין הייל,
דערזעהט איהר מיט ערשטוינונג,
אז פּונקט ווי מאַלפּעס, אַפּפען,
מיט דעם אינסטינקט פון נאָכקרימען א צווייטען, זיינען זיי בעשאַפען,
איהר מוזט דאַן אָננעהמען די מיינונג,
אז אַט פון יענער גרופּע חיות,
מיט זייערע עכט מאַלפּישע העויות,
מיר אַלע מאַנקים זיכער ציהען אונזער שורש,
וואהרשיינליך פון די אלטע, אלטע דורות,
ווייל ס׳איז א שרעק,
ווי עהנליך מיר זיינען צו זיי,
כמעט ווי טראָפּענס צוויי,
און אלעס וואָס זיי פעהלט, איז בלויז דער עק . . .

מיר, די מאַלפּעס, קענען אַט פון דיעזען פאַל,
אויסקראַצען א מוסר השכל, א מאָראַל,
אַז עס איז א קלאָג צו אונזער קאָפּ,
ווען מען גיט א טראַכט, פון וועמען, מיר יחסנים, שטאַמען אָפּ! .

# צווישען וואנצען.

אמאל,
(די מעשה האט געטראפען אין א האל, *)
האב'ן מענשען זיך פערזאמעלט אויף אזא אסיפה,
און אין די שטוהלען,
אין שפאלטען טיעפע,
געלעגען זענען א פאאר וואנצען,
און אויפגענומען א רעפארט א פולען,
אז אויספיהרליכען און א גאנצען,
פון אלעם וואס זיי האבען דארט געהערט, געזעהען,
און אט איז אייך בקיצור וואס ס'איז דארט געשעהען.
פעררופען האבען יענעם מיטינג צעהן יונגע לייטע,
גאנץ־לעבעדיגע, בייסיגע, פערשייטע,
וואס קענטיג אגב אז זיי ליעבען אלעם וואס איז רויט,
ווייל ס'איז די גאנצע האל געוועזן פערשפרייט,
מיט רויטע טיכער, לאנגע פענטעס,
און יעדערער איז אויסגעפוצט געוועזן מיט רויטע ליענטעס,
און יעדערער דערמאהנט האט רויטע זאכען,
ווי למשל, בלוט און פייער,
און וועגען רעוואלוציעס מאכען
וואס זאלען רויט זיין אונגעהייער.
דער עיקר אבער פון די רעדעס איז געוועזן,
(אין דיעזען זין גערעדט האב'ן אלע צעהן),
אז מ'דארף פערטהיידיגען די אר'מע געגען רייכע,
בכדי אז אלע זאלען זיין יחסנים גלייכע,
ווייל ס'איז די וועלט צוטהיילט אין קלאסען
און ס'ליידען שטארק דא די קבצנים. —
די רייכע וועלכע האבען מזומנים,
(מען זאגט, דאס איז אזא מין מאכל,
וואס מ'קריגט דערפון א גראבען בייכעל),
פערשקלאפען דא די ארימע און שינדען פון זיי פאסען,
און דאס בעווייזט, אז ס'איז די וועלט גאר שווארץ,
פון פינסטערען קאליר,
עס פייניגט דיך דער שטארקערער פון דיר,
און ס'ווערט שוין איינפאך דא צופלאצט דאס הארץ,
הכלל, דעריבער דארפען אלע ווערען רויט
און קעמפפען ביז'ן טוידט,
ניט דוקא פאר'ן שטיקעל ברויט,
נאר געגען אלע מעכטיגע אריסטאקראטען,
רעגיערער, פיהרער
און סתם דיקטירער,
א רוח אין זייער טאטענס פערעמאטען!
נור ווייל מען קען ניט קעמפפען אפען,
די רייכע באנדע איז צו שטארק!
בעדארף מען נעכט ניט שלאפען
און קיצלען זיי אין גראבען קארק,
אריינקריכען זיי טיעף אין דער גרגרת,
אט וואס זיי טהוען, זאל די מאטמא זיין: „צושטער עס!"
ביז וואנען ס'וועט דער ארימאן ניט פיהלען מעהר קיין וועה
און ס'לעבע הויך די רויטע פאהן! הוריי!

מיר, די וואנצען, קענען אט פון דיעזען פאל,
אויסבייסען א מוסר־השכל, א מאראל,
אז ווייל מיר בעלאנגען צו די רויטעסטע פון אונזער צייט,
דארפען מיר זיך אייך נאר האלטען מיט די אר'מע לייט...

*) א זאל.

# צווישען פּאַפּוגייעס.

אַ פּראָפּעסאָר,
אַדער איינער וואָס איז נאָך פיעל גרעסער,
ווי למשל, אפשר גאר א פילאָזאָף,
(דער גוטער יאָהר קען וויסען אַלע מענשליכע טיטולען,
דוכט זיך, ס'גיט גאַרניט צו זיי קיין סוף,)
נור יעדענפאלס איז דאָס געווען א מענשעל מיט שפּאקולען
און כידוע,
זיינען דאָך שפּאקולען א רפואה
בלויז פאר יענע וועלכע קוקען צופיעל אין די ביכער,
נו איז עס דעריבער זיכער,
אַז דער מאַן געווען איז טאַקע פון די קענער,
און נאָך פיעלע יאָהרען פון שטודירען,
אַלע שפּראכען פון דער וועלט,
וועלענדיג אנאַליזירען,
אַלע קלאַנגען, אַלע טענער,
לויט זיי זענען אין די ביכער דאָרט צושטעלט,
איז ער ענדליך גאר געקומען צום בעשלוס,
אַז די גרויסע ווערטער־ביכער זענען בלויז א שטות,
די בעדייטונג פון איעדער פראַזע,
פון איעדער ריידע, פון איעדען בוך,
פון איעדער ברכה, פון איעדען פלוך,
ווערט בעהויפּטעט ביים פּראָפּעסאָר, איז :
„גיט מיר עפּעס פּיקען, פּליעז!" *)
קורץ, דער גרויסער מאַן איז אַלץ און אַלעמען מבזה,
און ער בעווייזט,
ווי ס'איז פערגרייזט,
די מיינונג, אַז מען דאַרף מיליאָנען ווערטער,
ווייל איז אַלע שפּראכען איז דער עיקר,
בלויז דער פּיקער,
אַלע ריידען אַדער שרייבען נור צוליעב'ן עסען,
און ווער עס קומט נור ווען ארויס מיט לשון,
מיינט בלויז דעם גראשען,
נו קען מען אַלזא דאָך — אַזוי ערקלעהרט ער —
אויסדריקען די טיעפסטע אינטערעסען,
מיט וועניג ווערטער, אָהן יסורים.
וואָס טויג אונז, פרעגט ער, ריידען לאַנג און קלוג,
גוט און בעסער,
ווען ס'איז דורכאויס גענוג,
צו ריידען אימער קורצע גאר דבורים,
זאָגען פּשוט : „גיט מיר עפּעס פּאָר מיין פרעסער!"
און מערקווירדיג! עס מעג ארויסרופען ערשטוינונג,
די גאַנצע וועלט האָט אָנגענומען דיעזע מיינונג,
מען זאָגט טאַקע, אַז „יעדערער וואָס דרש'ענט שעהן און נאָבעל,
האָט קיין שום זאַך אין זינען, בלויז זיין שנאָבעל . . . "

מיר, די פּאַפּוגייעס, קענען אָט פון דיעזען פאַל
אויספלאַפּלען א מוכר השכל, א מאָראַל,
אַז בנוגע שפּראַכען, זענען מיר די קונציגסטע ענטדעקער,
אונזער גאַנצע שפּראַך, איז : „פּאָלי וואָנטס עי קרעקער!" **)



*) ביטע! **) איך וויל א קיכעל!

## צווישען ביענען.

ברידער!
לעגט די ארבייט פאר א ווייליגקע אנידער
און הערט אויס א שעהנע מעשה־היה,
איך פערזיכער אייך, איהר'ט האבען גרויס הנאה.
ס'ווערט דערצעהלט,
אז די מענשען, אט די פאראזיטען,
וואס מיר מוזען זיך פאר זיי כסדר היטען,
ווייל זיי האבען זיך מיט אונזער פראצע דא צוטהיילט,
נעהמען צו פון אונז די וואקס און האניג,
איז אט דיעזע שעהנע לייט,
האבען אזא מאדע שוין א לאנגע צייט,
אז אין א געוויסען טאג,
זיצען זיי אין טרויער און אין קלאג,
מורמלען עפעס כסדר אומעדיג, איין־טאניג,
ריידענדיג צו'ם הימעל ווייכינקע דבורים,
(דוכט זיך אז דער טאג הייסט „יום כפורים"!)
ווען איעדערער וויל אויסבעטען א גליקליך יאהר,
און עס פיהרט זיך שוין אזוי פון דור צו דור,
אז אט דאמאלס, אדער מיט א טאג אפריהער,
בעטען זיי זיך איינע ד'אנדערע מחילה,
ס'הייסט די גאנצע קהלה,
שליסט א שלום צווישען זיך, א פריעדען.
אלזא, האט פאסירט אמאל, אז אימיצער, א ביען־ערציהער,
איינער פון אט יענער חברה רויבער,
גאר א פרומער כלמרשט און א גלויבער,
וועלכער זינדיגט אגב יעדען טאג פערשיעדען,
האט אין בינשטאק אויסגערעדט זיין הארץ,
עפעס פאר א פריינד וואס איז מיט איהם געקומען,
(מן הסתם די וואקס אויף ליכט, דארט האבען זיי גענומען.)
און עס האבען אלע ביענען ערשט דערזעהען דאן ווי שווארץ
עס איז אונזער וועלט.
אט איז וואס ער האט געזאגט
און דאביי געקוועלט:
„ווייסטו! אט דאס איבערבעטען זיך מיט שונאים
האט קיין פנים,
מ'רעדט דאך כלמרשט זיס, מען ווינשט זיך לעבען,
מ'בעט פערגעבען,
דוכט זיך מ'האט די גאנצע שנאה שוין פעריאגט,
אבער שטילערהייט
מאכט מען זיך דעם טוידט,
און מען רוקט זיך מעסערס אין די זייטען
גאר ווי אין די אלטע צייטען."

מיר, די ביענען, קענען אט פון דיעזען פאל,
אויסזויגען א מוסר־השכל, א מאראל,
אז אבוואהל מיר מוזען פאר דעם מענשען האניג פראדוצירען,
מעג מען איהם אויך גיפטיג בייסען, ר'זאל א וועהטאג שפירען.

# בעמערקטע דרוק-פעהלער

| זייט | שורה | לעזט זיך: | דארף זיך לעזען: |
|---|---|---|---|
| 35 | 15 | איז געבענשטע ביענען. | אי געבענשטע ביענען. |
| 71 | 12 | ד׳גיב זיי אלע פערגעניגעס. | ד׳גיב זיי אלע פערגעניגענס, |
| 86 | 6 | אַט איך אליין, האַט | אַט איך אליין, האַב |
| 106 | 11 | דער דונערס קנאל, | דעם דונער׳ס קנאל, |
| 111 | 8 | דאָס געעהרט האַב׳ן , | דאָס געהערט האַב׳ן, |
| 114 | 4 | רק דו זוכט נור | רק דו זוכסט נור |
| 117 | 5 | זי זאָל זיך | ער זאָל זיך |
| 128 | 12 | ס׳איז בעסען קליין זיין | ס׳איז בעסער קליין זיין |
| 131 | 1 | די געלע אן די גרינע. | די געלע און די גרינע. |
| 132 | 6 | האָסטו שוין געזעהן, | האָסטו שוין געזעהען, |
| 140 | 7 | ווערט דאָס בעקעל | ווערט דאָס קעפּעל |
| 158 | 10 | דו פערלאָזט זיך | דו פערלאָזסט זיך |
| 169 | 2 | די מענשען פון חולאת׳ן, | אז איינמאָל האָט א מאן וואָס היילט, |
| | 3 | אז איינמאָל האָט א מאן וואָס היילט, | די מענשען פון חולאת׳ן, |
| 191 | 29 | ווייל איז אלע שפּראַכען | ווייל אין אלע שפּראַכען |

(אייניגע פון דיעזע דרוק-פעהלער זענען בעמערקט און קאָרעגירט געוואָרען אין צייט און דעריבער זענען זיי אין מאנכע עקזעמפּליארען ניט צו געפינען.)